# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־2 (העפט 11־410) זיבן און צוואנציקסטער יאר פעב.־מער. 1966 לאנדאן


א י נ ה א ל ט:


לכבוד פורים, משנכנס אדר מרבים בשמחה ........ ** 1

יזכור לפורים את ושתי, א פורים־דרשה פון א מאדערנעם ראביי (הומארעסקע) ........ א. מ. קייזער 5

וואס לערנען אונז די אנטדעקטע מגילות (עסיי) ........ י. ריכטיגער 7

געדאנק (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש 11

קומט א טאג (ליד) ........ דוד אפאלאוו 12

דו (ליד) ........ שמואל וווהייט 12

א קיבוץ־וויגן־ליד ........ דוד בערמאן 12

דאס בית־החלוצים־הויז אין טוועלא, העברי רוסא, אזא עד־דלא־ידע באלאדע, גלאטשטיינען צו זיין ווערן א בן שבעים הייאר, דאס געוויין פון א מאמע־לשון, פאר די דריי רבנים אין אמסטערדאם, פאר נ. (פראזע און פאעזיע) ........ א. נ. שטענצל 13

סימפאזיום פאר יידיש (איינדרוקן און פאטעמיק) ........ אייזיק גאלדבערג 29

בן סירא׳ס פעאמע וועגן ארבעט ........ י. ריכטיגער 32

דאס ליד פון דיין היים (פאעמע) ........ מאריא קאנאפניצקא 33

סטאניסלאוו בראנשטיינס יידן (רעצענזיע) ........ הערי אריאל 34

קולטור ידיעות

יידישע ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס



רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by A. N. STENCL, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*

# לאנדאנער קולטור - ידיעות

בײַ די שבת נאכמיטאגס גאלדפאדן־פײַע־רונג האבן גערעדט: יעקב ריכטיגער, ח. נ. בענקוויטש און נעט רובין. נעט רובין האט אין זײַנע רעדע דערציילט, אז אייניקע פון די ערשטע בארימטע גאלדפאדן־אקטיארן, ווי ישראל גראדנער, מאדאם קעמפנער, יו־סל טשיזיק, אלעקסאנדער מגידזאן, אקסל־ראד האבן לאנגע יארן געשפילט טעאטער אין לאנדאן, געקומען צו קבורה אויפן לאנ־דאנער בית־חיים, האבן אבער נאך אלץ נישט נאך צענדליקער און צענדליקער יאר קיין מצבות אויף זייערע קברים.

* * *

דער 125/סטן געבוירן יאר פון אברהם גאלדפאדן איז געפייערט געווארן פון דער קולטור־געזעלשאפט בײַ דער פועלי־ציון. גערעדט האבן יוסף לעפטוויטש און י. ח. קלינגער. דער באקאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג האט מיט גרויס דערפאלג געזינגען גאלדפאדנס לידער. דער פארזיץ האט געפירט חבר יעזשערסקי.

* * *

עלא זילבערג האט בײַ די שבת־נאכמי־טאגס געהאלטן א רעפעראט איבערן יידישן שטעטל אין ליטא.

* * *

בײַם שבת נאכמיטאג לכבוד דעם שלום־עליכם יאר האט גערעדט משה דאמב: הו־מאר און טראגעדיע.

די בן־אורי־גאלערי האט געפײַערט איר 50 יאריקן עקסיסטענץ מיט א גרויסן יובל באנ־קעט. לארד גודמאן, דער טשערמען פונם „ארט־קאנסיל פון גרויס בריטאניע איז גע־ווען דער גאסט פונם אוונט. געפירט דעם פארזיץ האט דר. לערנער.

* * *

איזיק גאלדבערג אונזער מיט־ארבעטער און רעציטאטאר ווערט דעם חודש א בן־שבעים מיר ווינטשן נאך א סך גוטע און געזונטע יארן צוזאם מיט זײַן פרוי.

* * *

יוסף לעפטוויטש האט געמאכט א באזוך אין פוילן און געוויילט דארט אייניקע וואך.

אין רײדינג־רום, אדלער סט., האט די פאל־קס־זינגערין פון האלאנד פלאריטה קארנאק וואונדערלעך געזונגען יידישע און העברע־אישע פאלקס לידער, באגלייט אויפן קלא־ויר פון מרי קארנאק.

בײַ דער ז׳ אדער מלוה־מלכה אין אדלער־האל איינגעארדנט פון די איסט־ענד מזרח האט דער באקאנטער זינגער מארגאלס און זײַן זון געזונגען, פיאנע באגלייט: פרוי הענדל ראזין.

דר. יעקב מייטלים איז געפארן אויף א לאנגערן באזוך קיין אמעריקע.

* * *

אין גראנד־פאלעי טאטער פירן די חברים גרופע אויף א געלונגענע מעלאדראמע גע־שריבן פון אריאלן, מיט גרויס דערפאלג.

* * *

אידא קאמינסקע אויף איר באזוך דא אין לאנדאן איז אויפגענומען געווארן אין ארבע־טער־רינג בײַ א באנקעט. די בארימטע אק־טריסע האט געהאלטן א פארטראג און גע־ווארן באגריסט פון חברים. עלעק זואטער־מאן האט געפירט דעם פארזיץ.

* * *

בײַ די שבת נאכמיטאגס איז געפייערט געווארן דער יאר פון די 75 יאר עקסיס־טענץ פון דער פרייע ארבעטער שטימע". עס האבן גערעדט יעקב ריכטיגער, לייבל ביילי

* * *

דער יובל השבעים פון פרץ מארקיש, לייב קוויטקא און איציק פעפער איז געפייערט געווארן בײַ א שבת נאכמיטאג.

* * *

חבר מייקל, דער סעקרעטאר פון דער גרופע „פרייע־ארבעטער שטימע" איז פלוצ־לינג געשטארבן. מיר דריקן אויס אונזער מיטגעפיל צו דער משפחה און צו דער אנ־ארכיסטישע גרופע וואס האבן פארלוירן אזא איבערגעבענעם משפחה־און פארטיי־מיטגליד.

פריינט און פארערער פון הרב יהושע שפעטן ע.ה. פארפלאנצן 1000 ביימער אין ישראל צום אנדענקן פון זײַן נאמען, זכרונו לברכה.

אונזער טיפן מיטלייד צו שרייבער א. מ. פוקס, מיט טראגישן טויט פון זײַן פרוי סאניע. זאל ער געפונען טרייסט אין זײַן ארבעט וואס ער טוט.

* * *

די בונדישע גרופע האט געפייערט אין ארבעטער־רינג דאס 25/סטן יאר פון דער עקסיסטענץ פון „אונזער צייט". מאיר באג־דאנסקי האט געפירט דעם פארזיץ.

TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
LC 1035/17
No:- L.5102 870

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2־3 (העפט 410־11) זיבן און צוואנציקסטער יאר פעב.־מער. 1966 לאנדאן

## לכבוד פורים 1966

אויב דאס איז אזא מין פורים־שפיל, פון „היינט איז פורים און מארגן איז אויס, גיט מיר א גראשן אוןווארפט מיך ארויס", דאס זינג־ליד אצינד פאר יידיש פון האלב־אפיציעלע און הויך־מאיעסטעטישע מקומות, זאגן מיר זיי, די שושן־פורים־פאליטיקער, אז זיי קאנען זיך שפארן די ארבעט; מיר זאגן זיי אויף „פלען־יידיש: פעטער מ׳קען אייך! נעמט אראפ די מאסקעס פון די פנימער, ווייל די כיטרע איגעלעך קוקן ארויס פון די לעכער. פורים־רבין, נעמט אראפ די צוגעקלעבטע בערד! מיר קאנען באשטיין אויף א ביליקן „מלא רחמים" מיט אפענע אויגן . . . אבער האלט איר שוין חלילה אזוי ווייט, אז כדי דאס ביסל ביליגע „צדקה תציל ממות"־מינץ צונויפצוקלאפן, ברויכט מען שוין פורים־רב־בערד און שושן־פורים־מאסקעס, צוטאנצן מיטן בער אין פער־דרייטן פעלץ און צוזינגען שוין דאס „מה־יפית"־לידל צו דער שפחה יידיש?...

בײַ אונז איז נאך ברוך השם, פורים — פורים, און שושן־פורים — שושן־פורים! מיט געפילטן קרעפל און פלאדן, און דער „עד דלא ידע" איז נישט א האליווד מאסקעראדע מיט הילצערנע שווערדלעך און פאפירענע קרוינען, נאר אן אמת ביסל משקה פון דער פלאשקע, און אז ס׳איז נויטיק! איז אין אלע גיל־דענע צײַנער אריין, אז ס׳זאל זיך שיטן מיט א קלאנג: „מײַנע ליבע לײַט, ווייסט איר וואס פורים באטײַט" . . . יא, כדי דאס ריכטיק אויפצוזינגען מוז מען טאקע מאכן דעם אמתן ל„חיים" מיט א גלעזל 99׳ציקער, נישט צו שרײַבן מיט וואסערדיקער טינט... און ווען אפילו מיט אמתן וואדקא!! מיר האבן נישט קיין מורא, לגמרי גארנישט . . .

ווי איר פארשטייט, איז דאס דער ארײַנשפרונג פון מאנדרישן איבער די שוועל און כליאסטערע פורים־שפילער קומען ערשט נאך —

א גוטן פורים יידן! שטעלט אייך פאר אזא מין פורים שפיל פון דער מזרחי פון גרויס־בריטן איירלאנד און גאנץ מלכות ענגלאנד: א שורה רבנים, ראש־בייס, דיפלאמאטן און זייערע מאיעסטעטן זיצן אויפן רעליגעזע דעקארירטן פאדיום אין „פרענדס־הויז" אין הארץ פון דער מעטראפאליס, דעם כרך לאנ־דאן. א היימישער שיינער ייד מיט א הדרת־פנים, מיט א כשרע בארד צען טשיף־ראביים צופערטילן, און לייענט זײַן קלינגענדיקע, גאט־און לייט באזינגענדיקע פארזיץ־רעדע, א מין קאזע־ענגליש, מיט א חד־גדיא־אקצענט, און דאס ערשט פון שטיקלעך פאפיר, כשר געשניטענע כמו אשר־יצר־פאפיר־לעך — ענטשולדיקט מיר: דאס פראנקפורט־אמן „ריכט דער נאך"...

א מזרחי־מיניסטער פון בייעם אשכול־„גאווערמענט", האלט זײַן רעדע אין

„פלען" תל־אביב־ענגאליש און ווען ס'פאלט אים אין איין א יידישער וויץ צו פארבראקן זיינע טארא־ווערטער, דרייט ער זיך מאיעסטעטיש אויס, ווי עס פאסט פאר א זיין מאיעסטעט, צום פארזיצער און בעט ביי אים „פראמישן" צו באנוצן זיך מיט יידישן לשון פאר א וויץ, אז דער פארשלאפענער מלווה־מלכה־עולם, אין קאפעלעך זאל זיך א קאטשע טאן פאר געלעכטער . . .

עפעס אן אמעריקאנער רב, „עקסיוז־מי", א ראביי־סטאר, האלט זיין וויצן־באפעפערטע און באזאלצענע־דרשה אויף לובעוויטש־אמעריקאניש און דער עולם האט זיך פון גרויס הנאה חסידיש צעפאטשט ווי ביים זינגען „המבדיל". וואס וואלט א קולטיווירטער ענגלענדער געזאגט ווען ער הערט ווי מ'קא־לאטשעט זיין הייליק שעקספיר ענגליש ? ער וואלט זיכער געזאגט : א להבדיל...

און דאס איז שוין די מזרחי. די נאנטסע צו יידישקייט און צו יידיש קודש, איז וואסער טענות קאן מען שוין האבן צו „זייאניסטן", וואס אויב ס'איז פא־ראן עפעס טריפה, וואס מ'טאר נישט נעמען אין מויל אריין, איז עס — א יידיש ווארט ! . . .

טא וואס זינגען צו יידיש פורים־לידלעך פון „היינט איז פורים און מארגן איז אויס, גיטס מיר א גראשן און וואַרפט מיך ארויס" — שפילן בעסער אן אפענע קארט, ווי אלע טאג פון א גאנץ יאר, סטראשן און שוידערן און אויס־נעמען אן ערלעכן גראשן . . .

„עד דלא ידע" — באמת,
א מרדכי, א המן קאן ווערן,
צו אזעלכענע אקצענט־ריקס,
דרשנים־רעדנער צו צוהערן.

א „מלא־טוב"־פלאש מיט וואדקא,
אויף דער בינע ארויפצושמייסן,
נאך צוגעלייגט א שטינק־באמבע
א זרש־קרעפל צום פארבייסן !

און צום סוף : אויב דער „קאלאק" בלע"ז אפגעהאלטן פערגאנגענעם חודש אין לאנדאן, איינגעארדנט פון יידיש וועלט קאנגרעס, — וואס לייגט זיך ממש לעצטנס, אין דער לענג און אין דער ברייט פאר יידיש, (איר זעט דאך.) — איז נישט געווען אזא מין פורים־שפיל, א באשערט שלח־מנות ציגעדעקט מיטן שושן־פורים־טישטעכל, ווי א קדחת אין א קליין טעפעלע, טא זאל עס זיין צו געזונט און צו לעבן אין גאט זאל געבן, אז דאס נעמלעכע איבער א יאר ווידער . . .

א גוטן פורים יידן, א גוטן פורים ! אפנים כ'בין גוט באשנאשעט, ווו איז די מזוזה ? כ'וויל א קוש טון.

## משנכנס אדר מרבים בשמחה

## שוין אין קאלטן שבט

„משנכנס אדר מרבים בשמחה",
מיינט מען אין ארייננגאנג פון אדר פשוט פשט !
א והא ראיה דער קאלאק פורים־שפיל,
ביי אונז דא אין לאנדאן שוין אין קאלטן שבט.



מ'קאן אויסדערכענען „בנשימה אחת",
וואסער, שלח־מנות־קולטור־טרעגער אלץ געווען ?
בלויז דערציילן פונם „והשתיה כדת",
אויב קיין תליה — אבער גאלגן־הומאר פאר צען !

## קידוש לבנה אדר תשכ"ו

קייגנאיבער א פגומהדיקע לבנה
א מנין יידן זי מחדש צוזיין,
„כשם שאני רוקד כנגדך ואין יכול . . ."
בלייבט פלוצלינג דערשראקן איינער שטיין :

איין רגע יידן, זייטשע מוחל, איין רגע,
ווי קלאר א מענטשלעך קול ווארט פאר ווארט איך הער,
אונזער „שלום עליכם שלום",
פון אויבן, פון דער לבנה, ס'ענטפערט ווער.

## דער פורים רב הייאר

מיט דער רויטער פאן געקומען דער פורים רב
און „העי איכניעם" גענומען באלאלייקן :
נישט געדאוונט און נישט גדרשנט — קדחת !
מיט אלע ראביים כ'בין ארויס אין שטרייקן.

נישט קשה, נישט קראנק א קאפ אונטערצווארטן,
אונטער די פיר־שטאנגען די כלה ;
כ'בין נישט עפעס א שבת־גוי צו מאכן עס,
פאר א בלויסער כוסה מיט א שטיק חלה.

## א שטיקל פילפול פון פורים - רב

פארוואס עפעס א דלפון און נישט א דלפונתא ?
איז דער תירוץ : א דלפון דארף מען שוין נישט שענער מאכן,
ער האט שוין אזוי אויך א שיין פנים. (מישטיינסגעזאגט !)
צוריקגעשמועסט : וואס עפעס איבער א דלפון צו לאכן ?

אבער ויזתא אן וויזתא, וואס וואלט ער געווען ?
אן אפגעריסענער נאר אויפן לעצטן פלאץ געבליבן !
אז מ'האט אים צום מהור"ר ציגעלייגט דעם טיטל,
ב.א. — כ'מיין ת.א., מיט גרויסע אותיות צוגעשריבן . . .

## VERY POAR

דער דאקטאר דזשעקאב, אדער דער דאקטאר, —
א יאנקל !! וואסער חילוק דער צי דער, —
געהאלטן, דעם בארימטן פורים־רב־שפיטש,
טא שטעל אויף די האמאן־אוכי * און הער :

ידישקייט יסוד „מתנות לאביונים״,
„על כן קראו פורים — על שם הפור״ ;
בפירוש־„שור״, אין איין ענגליש ווארט מיין גאנצע,
טארא־טראקטאט און פילא־זאפיע־סטרוקטור.

---

• אויף פויליש: המן־טאשן.

## ו י ז ת א

פארוואס שטייט ויזתא אין דער מגילה,
ווייל ער הענגט שוין אויף דער תליה ;
וואלט ער מיט זיין צונג געקענט נאך באלאקען,
צי געבן א ריר בלויז מיט דער וויע —

קיינמאל נישט אין זיין לעבן א ויזתא,
אויף אייביק א ווייזאטא געבליבן !
אזוי, אי ר׳איז באריםט מיט זיין וועלט־נאמען,
אי אין דער מגילה אריינגעשריבן.

## אן עצה פון א פורים - רב

ס׳קאן א קאפל א פארך נישט צודעקן,
ווען ער קריכט שוין טיף אין די אויגן ;
אפילו א מאסקע ער טוט זיך אן,
וועט עס אויך שוין קיין סך נישט טויגן.

א פארך אזא אייליק צעגאסענער,
האט א טבע ער לאזט זיך הערן ;
איין עצה האלטן זיך פון דערווייטן,
כדי אליין קיין פארך נישט צו ווערן.

## די געלעכערטע פאטשיילע

מיט א געלעכערטע פאטשיילע,
קאן נישט מער קיין נדבות קלייבן ;
וויפיל מען זאל נישט אריינווארפן,
קיין שווה־פרוטה אין איר נישט בלייבן.

א צעלעכצט פאס, אן דנא, אן רייפן,
מיט די קלעפקעס די ה׳רובע מ׳קען הייצן ;
אין א געלעכערטע פאטשיילע,
מ׳קאן צומאל נישט די נאז אריינשייצן.



## „תחתונים למטה״ . . .

„פורים איז נישט קיין יום־טוב,
און קדחת קיין קרענק״,
אבער אז ס׳כאפט אן ביים בויך,
בין איך נישט מקנה — ענק.

אין באדאסטע תחתונים,
איר ווילט זוכן א פלעק ?
בלויז זיך פארשמירן מיטן — —
ווארפט זיי בעסער אוועק.

## „עשרת״ !

מיט א גרילצנדיק גרויסן גרייגער,
קאן מען אפשר א המנען פארטויבן,
ווען ער הענגט שוין טויט אויף דער תליה,
און די ממזרים זייבע מיט אים אויבן.

אבער נישט א מרדכי הצדיק,
ווען הויך אויף זיין פערד ער טוט טוען רייטן ;
פאר אים מוז מען שוין לויפן פאראויס,
און „ככה יעשה לאיש״ טראמפייטן.

א. מ. קייזער

## יזכור לפורים את ושתי

א פורים־דרשה פון א מאדערנעם ראביי

מורי ורבותי ! ווען איך וואלט נישט געווען קיין יתום (מיין טאטע איז, מיר צו לענגערע יאר, געשטארבן ערשט מיט א יאר פופציק צוריק), וואלט איך אים געזאגט : „טאטע ! איך וויל דיך פרעגן פיר קשיות אויף דער מגילה !״. א גרויסע פורימדיקע „מה־נשתנה״ וואלט איך אים אוועקגעלייגט, ווייל א סך ענינים זענען מיר דארט פריקרע.

לאמיר, קודם־כל, נעמען אחשורוש׳ן (אפגעשיידט זאל ער זיין פון אונדז), וואס האט געהייסן ושתי׳ן, דאס ווייב זיינס, קומען א נאקעטע אויפן באל. מילא, אחשורוש, ווייסן מיר, איז נישט געווען קיין איבעריקער חכם, אבער ס׳לאזט זיך נישט גלויבן, אז ער איז געווען אזא טיפש, צו דענקען, אז אן אייגענע ווייב איז שיין . . . און ווידער : אויב זי וועט זיך שוין אפילו באווייזן א האלב־נאקעטע, נו, איז מה־הרעש ? וואס וועט ער מ׳שטיינס געזאגט, דער־זען ?

בכלל, גלייבט זיך מיר נישט, אז ושתי זאל טאקע האבן געזאגט : „לאו !״, אז זי וועט זיך נישט באווייזן אין „חוה׳ס קאסטיום״ אין א געזעלשאפט פון געסט,

דערהויפט — מאנסבילן. וועלכע פרוי וואלט וועלן אדורכלאזן אזא געלעגנהייט, צו באווייזן אויף א באל — און נאך אזא מין באל — איר פיגור, איר שיינעם רוקן, איר „ליניע", אירע „ווייטל סטאטיסטיקס" — 36 — 36 — 25 — די גאנצע מעשה, האב איך מורא, איז עפעס אן אויסגעטראכטע, סיידן, ס'איז אמת, וואס די גמרא זאגט, אז ביי ושת'ן איז פלוצעם אויסגעוואקסן א הארן אויפן שטערן.

אבער אויך די מעשה מיטן הארן איז מיר אויך אומפארשטענדלעך. מיר פארשטייען דאך אז יענער גמרא־הארן איז נישט מער געווען ווי א פרישטשיקל אויפן פנים, א „פימפל". היינט, ווי געשיקט זיך עס, וואס ושתי האט נישט פארשטאנען אז אזא „פימפל" שווארצט מען אפ, ווי ס'טון עס, בעוונותינו הרבים, די באפימפלדיקע ווייבער און מאכן דערפון א חן־פינטעלע, א „ביוטי־ספאט".

און ווייטער זאגט די גמרא: „אסתר ירקרקת היתה", אסתר איז געווען א גרינע. איז מיר דאס אויך קשה. אמת, קיין וואזשנע יפה־פיה איז זי נישט געווען, אבער א „גרינע" איז זי שוין גארנישט געווען. וואלט זי באמת געווען א גרינע, א פארשלאפענע, וואלט זי פארבליבן א פראלעטאריערין אדער אן אנגעשטעלטע אין א ציוניסטישער ביורא, אבער קיינמאל נישט — „הער מעדזשעסטי די קווין".

אדרבא, אסתר איז געווען א מיידל א כוואט. זי האט פארשטאנען ווי אזוי צו האלטן דעם לאשעק אירן, דעם מלך — טיפש, אויפן צוים. גאנצענע טעג איז זי אפגעלעגן אין די „ביוטי־פארלארס", אין די קאסמעטישע אנשטאלטן, ווו מע האט איר געטון איר רעכט. אז זי האט דערנאך שעלמיש א ווונק געטון צו איר גרויסן חכם, דעם קעניג אחשוורוש, האט ער ממש באקומען די אפאפלעקציע און מיט א פארכאפטן אטעם האט ער זיך אנגערופן:

—אאסטרל, קרוין! וואס פארלאנגסטו? בעט! און איך וועל דיר אפגעבן א העלפט פון מיין מלוכה, ווי ס'שטייט אין דער מגילה: „עד חצי המלכות". אן האלבע אימפעריע איז דיינס!

איר ווייסט, רבותי, וואס ס'האט דעמאלט געהייסן אן האלבע פערסישע אימפעריע? דאס איז געווען אזוי גרויס ווי א העלפט פון 127 מדינות. א קיימא־לן פון איבער 63 לענדער. איר פארשטייט אן עסק? היינט, ווו איז דער פערסישער אויל? דער פעטראל פון „שעל"? —

וואלט זי, אונדזער „מיס אסתר", די „ביוטי־קווין", דעמאלט געהאט שכל און דער קאפ וואלט איר נישט געלעגן אין פאריזער קאקעטעריי, וואלט זי דעם קעניג עפעס אנדערש געענטפערט. זי וואלט אים געזאגט:

— יעס, דארלינג! אט דאס וויל איך טאקע, אט די דריי־און־זעכציק און א האלבע מדינהלעך וויל איך פאר מיין געפלאגט פאלק!

נאר די נאטור איז קארג מיט די אוצרות, וואס זי באשענקט דעם מענטשלעכן מין. גיט זי איינעם שיינקייט, קלעקט אים נישט קיין שכל. גיט זי א צווייטן שכל, איז זי אים מזכה מיט א מכה — געלט. און אפשר איז בעסער אזוי. ווייל וואלט דלפון געהאט געלט און ויזתא — שכל, וואלט אונדז ערגער געווען.



ווי איר זעט, רבותי, האב איך אויף דער מגילה מער פון „פיר קשיות" צו פרעגן. נישט אלץ איז מיר דארט רעכט. נאר, בעיקר, פארשטיי איך נישט דעם צימעס, וואס מע מאכט פון אסתר'ן. וואס אזוינס האט זי דא אויפגעטון אז די מגילה זאל הייסן „מגילת־אסתר"? אדרבא, לויט מיין קרומען שכל, באקאנט אלס שכל־הישר, איז גאר ושתי די העלדין פון דער־א פורים־מעשה. די מגילה האט אייגנטלעך געדארפט הייסן „מגילת־ושתי", און אט פארוואס:

ווען אחשוורוש האט ושתי'ן באפוילן אז זי זאל זיך באווייזן אויפן באל לויט דער לעצטער מאדע — מיט אן אנטבלויזטער אייבערשטע העלפט, כמו שכתוב בפאריז — האט זי א קריץ געטון מיט די ציין און

— דער הולטיי מיינט — האט זי געזאגט — אז ער איז אין די „סטריפטיעז" בודקעלעך אין געסל אנטקעגן די דיען סטריט שול!

„—און זי האט דעם מלך אירן געענטפערט מיט איין ווארט: א מכה!", ווי די מגילה זאגט: „ותמאן!".

און צוליב דאס איינציק ווארט: „ותמאן!", עסן מיר פורים קרעפלעך. ווייל וואלט ושתי, חלילה, געזאגט „יא!", וואלט דאך אחשוורוש געבליבן אחשוורוש, ושתי — ושתי! און מיר וואלטן געהאט א סדרה פון בלויזע „בישטן"; נישט קיין אסתר, נישט קיין המן, נישט קיין נס, נישט קיין המן־טאשן, נישט קיין פורים, און איך וואלט נישט געקאנט האלטן מיין פורים־דרשה. ס'וואלט געווען א פארשטערטער פורים, רחמנא־ליצלן. ושתיס גרויסער היסטארישער „ניין" האט אונדז געבראכט א פרייליכן פורים.

לכן, רבותי, לאמיר ושתין מזכיר־נשמות זיין און נעמען אביסל משקה פאר איר נאקעטער נשמה. זאל זי זיך ווארעמען אין שוים פון די צדיקים און חסידים אין ירושלים, אמן!

י. ריכטיגער

## וואס לערנען אונז די אנטדעקטע מגילות

לויט די מאדערנע מעטאדע פעסטצושטעלן דעם אלטערטום פון זאכן, האט מען די אנטדעקטע מגילות אנגעשריבן אין משך פון דער חשמונאים תקופה, אדער לערך הונדערט פופציק יאר פאר, און ביז, דער ק.צ.ר.. זיי אנטהאלטן כמעט אלע ספרים פון תנ"ך, א גרויסן טייל פון די כתובים אחרונים, ווי אויך עטלעכע פון די ערשטע קבלה ספרים, און שריפטן פון א מיסטישן וועלט באנעם און א נייעם לעבנסשטייגער, וואס דערפון איז צו זען אז די אייגנטימער פון די מגילות זענען געווען אן אולטרא־פרומע סעקטע פון יידישן פאלק.

אין איינשטימיקייט מיט דער פעסטגעשטעלטער פארפאסונגס פעריאדע האבן די מיינסטע וויסנשאפטלער אנגענומען, אז די אולטרא־פרומע סעקטע איז געווען די, וועלכע ווערט פון אונזערע דעמאלטיקע היסטאריקער, פילון־היהודי און יוסיפון־פלאוויוס באשריבן און גערומט וועגן די גוטע מנהגים. אין העברעאישן לשון ווערט די סעקטע אנגערופן „איסים". אין אנדערע לשונות „עסיער" און אין די תלמודים „ביתוסים", וועגן באטייט אדער אפשטאם פון

נאמען זענען פאראנען א צוויי צענדליק מיינונגען. מען געפינט זיי אלע ציטירט אין דער הקדמה צו פילון־היהודיס ספר „כתות מני קדם“, פון איבערזעצער יוסף פלעש. דעריבער, יוצא צו זיין לכל הדעות, וועט מען זיי אנרופן „ביתאיסים“: דאס הייסט אהער די שולע פון די איסים.

דער טעקסט פון תנ״ך אין די אנטדעקטע מגילות איז כמעט אזוי ווי דער טעקסט אין תנ״ך, וואס מיר האבן איצט, אויסער אין אויסלייג פון מאנכע ווערטער. למשל: דער „חולם“ אין די מגילות האט אפטן א „ו“, ווי דער ווארט „אנוכי“, זואת“, לוא“. אין עטלעכע מגילות אין די „שלאס־מם“ פארענדערט אין א „מם־הא“ ווי „אתמה“ אנשטאט „אתם“ אדער „בהמה“ אנשטאט „בהם“. אויך די לאנגע־כף“ איז טיילמאל פארביטן אויף א „כף־הא“, ווי „אתכה“ אנשטאט „אתך“, „נפשכה“ אנשטאט „נפשך“ און נאך אזעלכע קליינע פארענדערונגען. אין מאנכע מגילות, ווידער, איז דער שם הויה געשריבן מיט די אלטע עברישע אותיות, וואס איז אפשר אן אנדייטונג אז מען האט זיי אנגעשריבן ניט לאנג נאכן איבערגיין פון אלט עברישן כתב צום אשורישן, (זעט סנהדרין כ״א) און דעם סופר איז דער נייער כתב ניט געווען גענוג הייליק צו שרייבן אין אים א שם.

אזוי האבן די אנדעקטע מגילות אויך ניט אריינגעבראכט קיין נייעס וועגן לעבנסשטייגער פון די ביתאיסים. אז זיי האבן באקעמפט פעאדאליזם מיט פאקטיש לעבן אין קאמוניסטישע געמיינדעס, איז שוין רעקארדירט געווארן פון די דעמאלטיקע היסטאריקער. פילון היהודי שרייבט וועגן זיי — יעדער איינער ארבעט פלייסיק אין פעלד אדער אין ווארשטאט צו פראדוצירן אלעס וואס זיי האבן נויטיק, און דעם באקומענעם שכר פאר ארבעט אין דרויסן, צאלט יעדער איין אין דער בשותפותדיקער קאסע. זייער מאטיוו איז — וואס זיי האלטן יעדע פארעם פון קנעכטשאפט אומנאטירלעך, ווייל יעדער מענטש ווערט געבוירן צו זיין פריי. (כתות מני קדם, חדש ראשון ושביעי)

און יוסיפון פלאוויוס דערציילט וועגן זיי — זייער בשותפותדיקע ווירטשאפט איז צו באוואונדערן, ניטא צווישן זיי קיין רייכע אדער ארעמע, ווייל ווער עס שליסט זיך אן אין זייער געמיינדע מוז שענקן זיין גאנץ פארמעגן צום קאלעקטיוו. יוסיפון־פלאוויוס ווייזט אויך אן, אז ניט אליין אין דער מדבר האבן די ביתאיסים געהאט געמיינדעס, נאר עס זענען אויך געווען קאמוניסטישע געטאס פון זיי אין די שטעדט איבערן גאנצן לאנד. די וואנדערנדיקע פון זיי האבן דעריבער ניט געשלעפט מיט זיך קיין עסן אדער קליידער, ווייל אין יעדע שטאדט ווו זיי זענען געקומען האט מען זיי געגעבן אלעס, וואס זיי האבן נויטיק געהאט, אזוי ווי די היימישע מיטגלידער פון דער געטא. אגב ווערן זייערע שטאדטישע געמיינדעס דערמאנט אין די אנטדעקטע מגילת ברית דמשק“, וואס באווייזט אז יוסיפון־פלאוויוס האט ריכטיק איבערגעגעבן. (מלחמות, ב. 2, ק. 8, פ. 4)

פון די צוויי היסטאריקער ווייס מען אויך וועגן די אויסטערלישע סייגים: באגרעניצונגען, וואס זענען געווען ביי די ביתאיסים איינגעפירט, און ספעציעל



וועגן די הארבע סייגים אין שבת, כדי זייערע מיטגלידער זאלן ניט עובר זיין אויף א דין פון תורת משה. פילון־היהודי שרייבט וועגן זייערע שבתדיקע סייגים — „ניט אליין היטן זיי אפ זער שטרענג די געזעצן פון שבת, זיי טוען ניט קיין שום ארבעט, נאר זיי טראכטן ניט אויסצוגעפינען באדערפענישן אדער איבעררעדן אנגלעגנהייטן וועגן קויפן און פארקויפן. (כתות מני קדם, חדש ראשון) און יוסיפון־פלאוויוס ווייזט אן, אז זיי האבן ביי זיך איינגעפירט מער סייגים: באגרעניצונגען אין שבת, ווי אלע אנדערע יידן. אחוץ וואס זיי גרייטן־אן פרייטיק זייערע שבתדיקע מאכלים, ניט צו דארפן אנצינדן א פייער אין שבת, איבערריקן זיי ניט קיין שום כלי פון איין פלאץ צום אנדערן און זעצן זיך אפילו ניט ארויף אויף א כלי. (מלחמות.ב.2.ק.8.פ.9)

אבער כאטש די חכמים אדער די פרושים האבן געדולדעט דעם קאמוניסטישן לעבנסשטייגער פון די ביתאיסי; און אפילו דערלויבט זייערע קינדער זיך אנצושליסן אין די קאמוניסטישע געמיינדעס, ווי יוסיפון־פלאוויוס דערציילט אין זיין אויטאביאגראפיע, (דאס לעבן פון יוסיפון־פלאוויוס קאפ. 2) זענען זיי געווען קעגן די אויסטערלישע סייגים אין שבת, ניט קוקנדיק וואס זיי האבן פרעטענדירט, אז נחמיה בן חכליה האט איינגעפירט נאכן צוריק קומען פון גלות בבל די סייגים פון „מוקצה“: ניט אנרירן קיין כלי וואס מען עסט ניט פון איר, און „שבות“ ניט טוען עפעס וואס דורך פארגעסן זיך קאן מען עובר זיין אויף א דין פון תורת משה, דאך האבן די חכמים דעם גרעסטן טייל פון די באגרעניצונגען אפגעווארפן. (שבת קכ״ג)

בפרט זענען די חכמים געווען קעגן זייערע מוקצה און שבות באגרעניצונגען ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגן א מענטשס לעבן. אין זייער „מגילת ברית דמשק“, וואס איז צווישן די אנטדעקטע מגילות, באפעלן די ביתאיסים — אויב א מענטש וועט אריינפאלן אין א טייך אדער א ברונעם זאל קיינער אים ניט צוטראגן א לייטער אדער אשטריק אין שבת ער זאל זיך קאנען ראטעווען . . . און די חכמים האבן געפסקנט, אז אפילו א ספק פיקוח נפש איז דוחה שבת, מען טאר ניט בעטן א גוי צו ראטעווען א מענטש אין שבת, נאר מ׳מוז עס אליין טוען, יעדער ייד איז מחויב מחלל צוזיין שבת כדי צו באפרייען א מענטש פון געפאר, אפילו ווען עס איז א ספק פון סכנת נפשות. (יומא פ״ה)

די אוממענטשלעכע מוקצה און שבות גזרות פון די ביתאיסים זענען אין אמתן געווען די סיבה פון דער ערשטער שפאלטונג אין רעליגיעזן יידנטום. די משנה זאגט מען האט רעקארדירט פינף דורות פון זוגות: דאס וואס אין דער חשמונאים תקופה — פון מתתיהו ביז הורדוס זענען, אנשטאט איין רעליגיעזער מנהיג, געשטאנען אין דער שפיץ פון רעליגיעזן יידנטום צוויי מנהיגים, ווייל זיי האבן מחולק געווען וועגן דעם סייג פון שבות. יוסי בן יועזר, —יהושע בן פרחיה, יהודה בן טבאי, אבטליון, שמאי האבן געפסקנט „שלא לסמוך“: אז מען מוז איינפירן די גזרה פון שבות. און יוסי בן יוחנן, נתי הארבלי, שמעון בן שטח, שמעיה, הלל האבן געפסקנט „לסמוך“: אז מען דארף ניט איינפירן די גזרה פון שבות. (חגיגה ט״ז, תמורה ט״ז־דופי של סמיכה, י.

לעוויס ווערטערביכער־סמיכה) עס איז דעריבער קיין ספק ניט אז די ערשטע פון די פינף דורות, זוגות זענען געווען מנהיגים פון די ביתאיסישע געמיינדעס און די צווייטע — מנהיגים פון די פרושישע געמיינדעס.

מיר האבן אויך היסטארישע רעקארדס אז וועגן דעם סייג פון שבות האט זיך דאס רעליגיעזע יידנטום געשפאלטן אין דער צייט פון מתתיהו. אין ספר חשמונאים־א. געפינט זיך — אז בעת מתתיהו מיט זיינע זין און אנהענגער זענען אנטלאפן אין דער מדבר צו ארגאניזירן דעם ווידערשטאנד קעגן מלכות יון הרשעה, האבן זיי געהערט אז טויזנט יידישע מענער מיט זייערע פרויען און קינדער זענען געווען אין א הייל באהאלטן, און ווען א יווניש׳ע ארמיי איז זיי באפאלן אין שבת האבן זיי ניט אויפגעהויבן קיין שטיין צו פארטיידיקן זיך אדער צו באראקאדירן דעם צוגאנג צו דער הייל, ווייל מען טאר ניט אנרירן קיין שטיין אין שבת וועגן מוקצה. האט מתתיהו געזאגט — אויב מיר וועלן טוען אזוי ווי אונזערע ברידער, זיך ניט פארטיידיקן אין שבת וועגן מוקצה אדער שבות, וועלן די גוים אונז פארטיליקן צוזאמען מיט אונזער תורה. (חשמונאים־א. ב)

פארשטייט זיך, אזוי לאנג ווי די חשמונאים זענען געווען ביי דער מאכט האבן די ביתאיסים מורא געהאט ארויפצוצווינגען אויף די פרושים זייערע שבתדיקע גזרות, און די חילוקי דעות צווישן זיי איז געווען א מחלוקה לשם שמים: אן אקאדעמישער דיספוט. אבער ווען הורדוס האט פארכאפט די מלוכה איז דער מנהיג פון די ביתאיסים „מנחם", וואס האט פארויסגעזאגט צו הורדוסן אז ער וועט ווערן מלך און איז געשטאנען בראש פון רעליגיעזן יידנטום צוזאמען מיט הלל, געווארן דער עצה געבער פון הורדוסן. ווען הורדוס איז געווארן מלך האט מנחם פארלאזט די פירערשאפט און שמאי האט פארנומען זיין פלאץ אין דער ישיבה. ער האט פארלאזט די ישיבה צוזאמען מיט הונדערט און אכציק פון זיינע תלמידים, כדי צו קעמפן קעגן זיינע פריערדיקע חברים די פרושים, וואס האבן ניט געוואלט אנערקענען הורדוסן פארן יידישן מלך, ווייל ער האט ניט געהאט א יידישע מוטער. (אלטערטום פון די יידן, ב. 15, קאפ. 10, פאר. 5, און בבא בתרא ג״ד׳)

דעמאלט האט גענומען א סוף צו דעם צוויי קהילות סיסטעם און טאפעלטע מנהיגים, די ביתאיסישע קנאים און מורדים קעגן דער חשמונאישער דינאסטיע און כהונה גדולה, וואס זענען אנטלאפן און זיך אויסבאהאלטן אין זייערע קאמוניסטישע מדבר געמיינדעס, פארן בית־דין פון די חשמונאים, האבן זיך צוריק געקערט אין די שטעדט און געווארן די איינציקע מנהיגים איבערן רעליגיעזן יידנטום. א באוויז דערויף זענען די לערך טויזנט מטבעות, וואס מען האט אנטדעקט נעבן די מגילות. די יארצאלן אויף די מטבעות זאגן עדות, אז אין משך פון די הונדערט און דריי יאר, וואס לויט די תלמודים האבן די חשמונאים געהערשט איבערן יידישן פאלק, זענען כסדר צוגעקומען מטבעות, ווייל יעדעס יאר האבן פרישע אנטלאפענע מורדים קעגן די חשמונאים זיך באזעצט אין די קאמוניסטישע ישובים פון דער מדבר, און ווען הורדוס איז געקע־



מען צו דער מאכט האט זיך אפגעשטעלט דער צופלוס פון נייע מטבעות . . .

אבער ניט אליין לערנט מען פון די אנטדעקטע מגילות אז די ביתאיסים האבן דעמאלט א סוף געמאכט צום צוויי קהילות סיסטעם מיט ארויפצווינגען זייער אוממענטשלעכע סייגים פון שבת אויפן גאנצן יידישן פאלק, נאר זיי זענען אויך געווען די אינציאטארן פון דער היסטארישער שנאת חנם קעגן די פרושים. איינער פון אונזער חכמים האט נאכן דורכפאל פון בר כוכבא אויפשטאנד ארויסגעגעבן א געשיכטלעכן פסק־דין, ער האט געפרעגט — די יידן פון צווייטן בית המקדש זענען געווען ערלעך, ארנטלעך, גוט און פרום, פארוואס איז געקומען אויף זיי דער אומגליק? און ער האט געענטפערט „מפני שנאת חנם": ווייל זיי האבן איינער דעם אנדערן פיינד געהאט בחנם. (יומא ט׳) די מפרשים און געשיכטע שרייבער האבן דורות לאנג פארפירט דאס יידישע פאלק, מיט דער איינרעדעניש, אז די קנאישע קעמפער קעגן די רוימער פאר דער זעלבסטשטענדיקייט פון לאנד זענען געווען די פארשפרייטער פון שנאת חנם, ווען אין אמתן האבן זיי פיינד געהאט די פארדרעטער פון דער יידישער זעלבסטשטענדיקייט, וואס איז אין קיין פאל ניט געווען א שנאת חנם.

איצט אז מען לייענט אדורך די אנטדעקטע מגילות און מען זעט די גיפטיקע שנאה וואס די אולטרא־פרומע ביתאיסים האבן געפרעדיקט קעגן די פרושים, ווייל די לעצטע זענען ניט איינשטימיק געווען מיט זייער משיחשן וועלט באנעם און זייערע אוממענטשלעכע סייגים, ווייס מען פון ווו עס האט זיך גענומען דער היסטארישער שנאת חנם צו די פרושים. מען זעט אז ניט אליין האט דער רעליגיעזער שנאת חנם פון די ביתאיסים געבראכט דעם צווייטן חורבן, נאר אויך די טייכן טרערן און ימים בלוט, וואס זענען פארגאסן געווארן פון אומשולדיקן יידישן פאלק דורך דער קריסטלעכער ברוטאליטעט אין משך פון די לעצטע צוויי טויזנט יאר, איז געווען א פועל יוצא פון רעליגיעזן שנאת חנם וואס די ביתאיסים האבן געפרעדיקט קעגן די פרושים. און דאס איז אפשר דער עיקר וואס מיר דארפן לערנען פון די אנטדעקטע מגילות . . .

### ג ע ד א נ ק

יוסף לעפטוויטש

געדאנק איז א הויכער בוים,
וואס הויבט די הענט אין דער נאכט.
ס׳בליט א בלום אויף א צווייג,
און ס׳ווערט א זוניקע פראכט.

ס׳איז ביי מיר געוואקסן א געדאנק,
וואס מיין האנט באדינט,
ס׳וויגט זיך און ס׳בויגט זיך,
ווי א צווייג אינם ווינט.

עס בויגט זיך צום ווינט,
ווי צו דער לבנה דער טייך.
איך קער זיך צום מזרח,
ווו די זון גייט אויף גלייך.

## דוד אפּאַלאָו

### קומט א טאג

קומט א טאג א העלער,
ווערט אין שטוב אַלץ ליכטיק,
ס׳נעמט דער שפּיגל לויכטן
קלאָר און פול־געזיכטיק.

הויבן ווענט אָן שמייכלען
און דאָס מעבל פינקלט.
איך אַליין צעשטיף זיך
ווי א קליינער אינגל.

און אין וואָז די בלומען
הויבן אָן צו דופטן,
ס׳ווילט זיך אַזש מיין יוגנט
פון דער ווייט א רוף טון,

זי זאָל שעפּן נחת
פון דעם נס און וואונדער,
ווען איעדע זאַך ווערט
אויפגעלעבט באַזונדער.

## שמואל ווהייט

### ד ו

באַרג מיר די מאַטקייט פון לבנה־ליכט,
און די העלקייט פון טאַנצעדיקן שטערען פינקעל,
וועל איך פאַר דור מיין ליבסטע,
א ליריש ליד וועבען — וועבען,

א כישופדיגען בלאָען הימלערוים,
באַגלייט מיט נאַכטיגאַל געזאַנגען,
זאָל דאָס ליד זיך ציען,
ביזן אויסשלייכענדען שאַרלאַך רויטען מאָרגן,

אין פין דעם צוזאַמענשפּין גלאַנץ
דיך, מיין ליבסטע, צו באַקרוינען,
וועל איך אין דעם העכליכען נויאַנסען שפּיל
שפּיגלען מיך, שפּיגלען אין דיין ליב וועזן . . .

## דוד בערמאַן

### א קיבוץ - וויגן ליד

וויין ניט — וויין ניט — מיין קינד —
וייל דרויסן בלאָזט א קאַלטער ווינד —
וויין ניט — וויין ניט — מיין קינד —
באַלד וועט קומען דער פרילינג. —

די זון וועט שיינען אין הימל
מאַכן די פעלדער גרין — מיין יינגעלע,
און דו וועסט שפּיעלן מיט בלומען.
זאַמלען די ווילדע שיינע בלומען.



באַלד וועט דער ווינטער א וועקגיין,
און דו וועסט די גאָלדענע זון זען,
וויין ניט — וויין ניט — מיין קינד —
באַלד וועט קומען דער פרילינג. —

דו וועסט שפּיעלען מיט לעמער ווייסע,
און מיט די הינדעלעך שניי ווייסע,
אויפן קליינעם פערדעלע וועסט רייטן,
און מיט קליינע קעלבעלעך שפּיעלען.

וויין ניט — וויין ניט — קינד מיינס —
דיין מוטער וויגט דיך איין —
וויין ניט — וויין ניט — מיין קינד —
באַלד וועט זיין דער פרילינג. —

## א. נ. שטענצל

### דאָס בית - החלוצים הויז אין טוועלא

3

די טעג זענען געגאַנגען און איך האָב געוואַרט אויף עפּעס; זיי האָבן זיך געצויגן אַזוי האַמעטנע, אַזוי סמוטנע, אַז איך אַליין צומאָל האָב שוין נישט געוואוסט אויף וואָס . . . כ׳האָב מיך אַרומגעדרייט ווי אויפן עולם־הדימיון: פאַרחושט, צעתמט, מרה־שחורהדיק. כ׳בין מיטגעגאַנגען מיט חברה אין די נעכט אין דער דאַרף־שולע צו הערן לעקציעס איבער באַמיסטונג, וויאַזוי פעט צו מאַכן די ערד, וואָס מער פון איר אַרויסצובאַקומען; „מיטגעפלויגן" אין שטאָט אַריין אויפן „פּיץ" צום וועטערינאַר, צו הערן פאַרטראַגן איבער בהימה־דערנערונג, צו וויסן וויאַזוי פון א קו מער מילך אַרויסצובאַקומען; געזעסן מיט אַלע צוזאַם ביי דער אָפענער פאַלעסטינע־מאַפּע און שטודירט די ריכטיקע ארץ־ישראל גרענעצן.

בייטאָג, ווען אַלע זענען געגאַנגען צו די פויערים, האָב איך געגראָבן אין הויף, אין גאָרטן, געיעט צווישן די פאַרפלאַנצטע בייטן, מיך נוצלעך געמאַכט אין קיך; אַלץ אַזוי געניי געטון און פּרעציז. אָבער דאָך ווי אין א חלום, ווי טרוים־באַטרונקען, ווי א לונאַטיקער — אָט וועקט מען מיך אויף און איך ברעך צוזאַם. כ׳בין מיר פאַרגעקומען ווי ווען מיין מאַמע פלעגט זיצן אין אירע מרה־שחורה טעג ביים פענסטער אין קוילן־סקלאַד אַרויס און מאַכן אירע געטאַקטע טישטוך־צערלעך . . . כ׳האָב זי פלוצלינג דערזען! אָט טאַקע אַזוי זיצנדיק ביים פענסטער און איך בין נאָך טרויעריקער געוואָרן . . .

אין די „קאַמונע"־נעכט אַרום טיש, ווען אַלע זענען געזעסן און אַבּרהמל האָט פאַרגעלייענט אין הברה־ספרדית אַן אַרטיקל פון „פּועל הצעיר", אַקאַרשט אָנגעקומען פון פאַלעסטינע, אַרום וועלכן חברה האָט פייערדיק פאַלעמיזירט, דיסקוטירט: „כביש־עבודה", „כביש־הארץ", א. ד. גאָרדאָן, „דגניה", „ברע־

נער״ . . .האט דער אמסטערדאמער חבר אפט געווארפן געהיימע, פארוואגהערטע בליקן אויף מיין ממש פארגליווערטער פארשוויגנקייט; וואס איך זיץ דא ווי א פרעמדער, ווי מיך וואלט דער גאנצער ענין לגמרי נישט אנגעגאנגען: עפעס מוז זיין דער מער! האב איך דערזעען אין זיין דריי מיטן קאפ, זיין פארשנדיקן בליק פון מיר שנעל אוועקצוכאפנדיק.

מ׳טרינקט דעם נאכט־טיי פארן שלאפן גיין. אין שטוב ווערט טומלדיק. ראזנבלאט פארציט א וואלאכל; די פאר סטודענטן, וואס די עקרים פון דער נאטור־וויסנשאפט זענען זיי נישט פרעמד, שמועסן איבער א לעקציע, איבער באמיסטיקונג און ווארפן זיך וואוילעריש צו די לאטיינישע, פאכמענישע סובסטאנץ־פארמולעס: „קאלציום״, „נאטריום״, $H_2O$ פנחס גלאז לייענט פרענקלען א ניי ליד שמעונאוויטשעס און ביידע כאפן גרויס התפעלות. דער זייגערמאכער זיצט אויף א לענשטול מיטן פייקעלע אין האנט און קנייטשט די ליסענע און אין שויס האלט ער א שווער, דיק בוך, „די פרוי״, פון א בעבעל.

איך קוק אויף יעדן און אויף אלעמען. איך זע אלץ. מיינע אויגן ווערן פארגאפיעטער און גרעסער. איך בין נישטא. איך בין אנדערש־וואו. איך בין אויפגעליזט... כ׳הער ווי אין ווינקל שושקעט מען זיך שוין איבער מיר...

עמיל פיסער איז שוין אייניקע מאל דא געוועזן, געווארפן איבער זיינע גאלדענע ברילן א געשעפטלעכן בליק צו מיר. זיי אויסווישנדיק, צוגעקומען צו מיר, אבער זיך באגנוגנט: „נו, זיך שוין איינגעלעבט מיט אונז?״ עפעס נאך גערעדט מיט אנגעשטרענגטער פריינטלעכקייט. צוגעגאנגען צום זייגערמאכער כ׳האב געשפירט, אז ס׳איז מכוח מיר . . . זיך רעשיק געזעגנט און פארשוואונדן.

שפעט ביינאכט, ווען דער חדר־האוכל איז געווען אן אנגערויכערטער, א שוויס־אנגעפילטער, א ווערטער־אנגעזאפטער; איינער נאכן אנדערן א גענעצנדיקער, א זיך לענקנדיקער, א פינגער קנאקנדיקער, איז ארויף שלאפן, האב איך שטיל מיך ארויסגעדרייט פונם פינסטערן קארידאר אין הויף אריין, נאך שטילער אויפגעמאכט ס׳קייטל פון גארטן־טירל און בין ארויס אין דארף־געסלעך —

די אנהויב־הערבסט נעכט זענען געווען קיל. שטיל און לויטערע. דער הימל אזוי טונקל־בלוי און טיף — כ׳האב מיך געפילט ווי כ׳וואלט מיך געטובלט אין קלאר קוואל־וואסער . . . די שטערן ווי זיי וואלטן געוואונקען צו מיר, גערעדט צו מיר; מיר איז געווארן אזוי היימיש גוט: פון א הויף־וואו האט א הונט געבילט; א פערד, אין א נאנטער שטאל, האט געפארסקעט, געקלאפט מיט א פאדקאווע; א מעלה־גירהדיקע קו, א פארבלאנדזשעטע, איז געבליבן שטיין און מיך אנגעקוקט, ווי מיט א היימישן: ס׳גאלס־קומט . . .

כ׳האב דעם גאנצן ארום אזוי לעבעדיק פארשטאנען, ווי מיט א ניי אויסגעלערנט לשון האט ער גערעדט צו מיר — אונטער מיר האבן די קלומפן האלצערדיק געקלאפט און אויבן די שטערן — געוואונקען.

כ׳בין אראפ פון דארף־שאסיי און געשפירט מיין ווייך טרעטן אויף דער



ראסע־פייכטער און גראז־ווייכער לאנקע, ווי כ׳וואלט געטרעטן אויף א גוט געגערטן ווייכן בויך. מיינע געדאנקען סדרן זיך: קאלך, וואסערשטאף . . . די קו עסט דאס פעטע גראז און זי גיט זעכציק ליטער מילך א טאג . . . ווי די אייטער הענגען איר שווער אראפ, ווי זי וואקלט זיך, ווי די גראבע יאדוויגא, די אם, מיט די שאקלדיקע בריסט־זעק . . . עפעס ווי א מענטשלעכע רחמנות אויף איר . . . ווי גרויס און ווי טרויעריק אירע אויגן קוקן . . .

איינמאל האב איך געהערט טריט הינטער מיר, יאגנדיקע. ס׳איז געווען ראזנבלאט. ער איז שנעל געגאנגען מיט זיינע קורצע פיס, מיך אנצויאגן.

„חבר״, האט ער אנגעהויבן, צוקומענדיק צו מיר, „די טעג גייען נאך, מ׳פארזינקט אין ארבעט, מען פארזינגט זיי . . . ביינאכט מיט חברים, מ׳צעחושט זיי מיט שמועסן, מיט דיסקוסיעס . . . אבער אויפן געלעגער לאזט עס נישט איינשלאפן . . . און אז מ׳שלאפט שוין איין, רייסט עס אויף מיט ווילדע חלומות . . . אלץ שטייט אזוי פאר די אויגן״ . . . ער קוקט אויף מיר נישט ווי א מענטש, נאר ווי עפעס א געפייניקט נפש פון אן אנדערער וועלט —

ער, ראזנבלאט, איז פון אן אוקראיניש שטעטל. דעם פאטער און די מוטער האט מען דערהרגעט מיט א האק פאר זיינע אויגן. די צוויי שוועסטער האט מען ערגעץ פארשלעפט, און ער ווייסט נישט עד־היום וואו זיי זענען. ווען די בחורים האבן זיך אנגעשלאסן צו די „טרומפעלדארצעס״, איז ער תמיד געבליבן שטעקן אינמיטן וועג. זיינע קורצע, קרומע פיס, זיינע נישט־דערנערטע מלחמה־יארן. וואכן און חדשים האט דאס ארומשלעפן געדויערט. פון קעלן איז חברה אפגעפארן מיט סערטיפיקאטן קיין פאלעסטינע. אים האט מען במזיד פארלוירן אדער בשוגג פארגעסן . . . דער ראבינער אין קעלן האט געזען ער זאל אריבערקומען קיין האלאנד. ער וואלט זיך געקענט איינארדענען, א שטיק פאך האט ער אין דער האנט . . . ער וואלט געקענט זיין א מלמד, א חזן־שני אין א שולעכל; ער האט א קול־נגינה . . . אבער ווער עס איז נאר געווען מיט יענער חברה צוזאמען, דער מוז שוין לעבן אדער שטארבן אין ארץ־ישראל . . . אבער חוץ אלעם ווער ס׳האט דאס אדורכגעמאכט וואס ער . . . ס׳איז קיין אנדערע עצה נישטא . . . מ׳מוז זיך האלטן צוזאם — וקבצנו יחד!

ער האקט אפ, ווי צו מאכן א הפסק צווישן דעם, וואס ער רעדט ווייטער. דאס קול ענדערט זיך אים אויך מיט א טאן נידעריקער:

„וואס איז אמת איז אמת. דאס מיידל אין קיך געפעלט אים . . . פון זיין זייט איז ער גרייט יעדן טאג צו שטעלן א חופה. פארוואס זאל ער לייקענען? איר ברודער איז פון די גולי־בעלגיע . . . אן אנגעלעזענער, אינטעליגענטער מענטש . . . ער קאן קאוטסקין פון אויסנווייניק . . . וואס איז אמת איז אמת. ער איז אביסל צו גאליציש ווייכחמדיק פאר אים . . . אבער דאס איז דווקא גוט פאר אים. זיי וואלטן זיך אויסגעליכן . . . די שוועסטער איז צו אים קיין אמסטערדאם אהערגעקומען פון אן אסט־גאליציש שטעטל. וואס האט ער געזאלט טון מיט איר? זי אוועקגעבן פאר א דינסט? זענען זיי ביידע אהערגעקומען אין חלוצים־הויז . . . ער איז מיט שלום פישער א גאנצער שמעלקע . . .

ער איז נאך אין דער היים געווען א ציוני, אין בעלגיע א גאנצער טוער געווען אין „פאריין" . . . ער, ראזענבלאט, וואס אן אמת, איז שוין געווען מער לינקס...

דער ראזנבלאט איז גארנישט אזא תם ווי ער מאכט זיך . . . ער וויל מיר אפנים טאפן דעם דופק: זייט איך העלף אין קיך, שייל די קארטאפל, גרייט צו דאס גרינס, איז זי עפעס ווי אפגעקילט צו אים . . . ס'איז שוין כמעט געווען ווי אפגעמאכט, אז אלע דריי זענען עולה צוזאם; ער קאן ארבעטן, א בעל־כוח, ברוך־השם, א כוח גברא און דער ברודער קען זיך אויס אין די קליינע אותיות, אין די פאך־ביכלע . . . אלע דריי צוזאם וועלן זיי האבן א „געמישטע פויערים־ווירטשאפט" — וקבצנו יחד!

ער בלייבט ווידער שטעקן, ווי א מין סוף־פסוק צווישן הפסק און ער נעמט ווידער אן אנדערן טאן:

„נאטירלעך, אייערע פיס זענען נישט קורץ, נישט אויסגעקרימט". דאס וויל ער שוין אפנים ווירקן אויף מיין געוויסן. איך קוק אים שארפער אן. זיין קיילעכדיק פנים ברענט, די רויטע האר איבערן גרויסן, קיילעכדיקן קאפ פלאמען: „און אייער שווארצער קאפ האר. די געמאכט שעוועליורע פון א פאעט" . . .

הינטער דעם לעצטן זאץ הער איך שוין ארויס די איראניע, נישט פון זיין קאפ, נאר אויסגעהערטע הינטער מיין רוקן: „אייער סענטימענטאל־מעלאנכאליש פנים . . ."

א רגע וויל איך אים לאזן ווייטער פירן דעם שמועס. איך טראכט, ער וואלט באמת געווען א גוטער חזן־שני אין א שולעכל, ווי די טענער זיינע בייטן זיך . . . אבער כ'דריי אויס דעם דישעל . . .

„דו ביסט טאקע פון פראסקוראוו, דו ביסט געווען דארט בשעת די פעט־ליוראווצעס האבן געמאכט דעם פאגראם"?

ער דערציילט, ער דערציילט, דאס קול זיינס ווערט פינסטער. דער גאנצער ארום ווערט פינסטער. מיינע גייענדיקע פיס אין די קלומפן זינקען ווי אין קופעס פגרים, ווי אין פלייש פון טויטע לייבער. די פינקלענדיקע שטערן פאר־שווינדן איינער נאכן אנדערן — איך הער איבער מיר די טענער פון „אל מלא רחמים".

אין דער פרי, ווען אלע זענען געווען ביי דער ארבעט און איך האב גע־האלפן דעם מיידל אין קיך אפוואשן ס'געפעס, האב איך פלוצלינג דער־שפירט אז דער תמעוואטער ראזנבלאט איז נישט אינגאנצן אומגערעכט . . . און כ'האב מיך שנעל אויסגעדרייט און מיט די נאסע הענט, אן א ווארט, ארויס אין דער מכשירים־קאמער נעמען די יעט־יאק צו ארבעטן אין גארטן. קומט מיר דער בריוטראגער אנטקעגן. איך קוק אויף אים נאך פון דער ווייטנס און איך דערמאן מיך, אז אויף אים טאקע ווארט איך, אויף דעם בריוו פון דער היים!

„כוי מארכען, מינער סטענסעל?" קוקט ער אויף מיר מיט א פראגעצייכן, ווי ער וואלט מיך בלומרשט נישט דערקענט, אז איך בין דאס דער יעניקער



צו וועם דער בריוו איז אדרעסירט. א, אים וועט מען נישט אפנארן. ער איז געניט אין זיין ארבעט.

אין מיין ווארטנדיקן בליק דערקענט ער מיך? אדער גאר פשוט: איך בין דאך דער איינציקער נייער, וועמעס נאמען ער קאן נישט. א, איך בין דאך דער „שפיטער" פון שלאטן, ער האט שוין מיט מיר גערעדט: „דא איז נישט שלאטן, אויסגעבאגערטע הומוס ערד . . . דא מוז מען מאכן צווי 'שפיט־טיף" . . . אין גאנצן דארף האט ער ווי א „פאטשט" דאס מעשהלע ארומגעט־ראגן . . .

איך נעם דעם בריוו פון אים, כ'באהערש מיך נישט „צו כאפן". מיט די איבעריקע בריוו גייט ער אין קיך אריין. איך איל מיך אין דער מכשירים־קאמער, שוין נישט די יעט־האק צו נעמען, נאר צו לייענען ביחידות דעם בריוו. איך געפין א קעסטל, זעץ מיך דערויף און רייס פארזיכטיק, מיט ציטער־דיקע הענט אויף דעם קאנווערט:

אלע פיר זייטלעך פון בריוו־בייגעלע זענען באשריבן מיט דראבנע, קליינע אותיותלעך, שורה ביי שורה; א חברה אפפליענדיקע פייגעלעך אין הארבסט, רוען זיך אויס אויף טעלעפאן־דראטן . . . שורה ביי שורה באשאטן מיט פישטשענדיקע פייגעלעך . . . אבער די מאמעס, באטשאנע אותיות וואו זענען — טרויעריק אפגעפלויגן! כ'פארשטיי: זי איז צעבראכן . . . זיצט מיט פאר־ביסענע ליפן ביים פענסטער צום קוילן־סקלאד ארויס . . . אירע שלאנק אראפ־געלאזענע צוויי הענט — צוויי געבראכענע פליגל . . . וואלט איך געקענט צו איר אהינפליען אצינד, כ'האב זי דאך תמיד געקענט טרייסטן אין אירע סמוטנעדיקע טעג . . . זי האט דאך אזוי ליב געהאט דעם קלאנג פון מיינע רייד . . . זי קוקט אויף מיר, איך רעד און גרינלעך־טונקעלע אויגן אירע זע איך ווערן בלוי, לויכטן אויף . . . די מענטשעלעך אין אירע אויגן־אפלען קוקן אויף מיר פריילעך. זי כאפט מיך ארום און קושט מיך: „מיין האלטעק, מיין אל־טער האלטעק". און אירע טרערן האבן זיך געגאסן אויף מיר, ווי פון א וואלקן וואס לייזט זיך אויף אין א רעגן.

כ'בין געזעסן אין שטאל אויף א קעסטל און דעם בריוו געלייענט שעהן. כ'האב אים נאך אמאל געלייענט און נאך אמאל, ווי א ניגון, וואס מ'וויל אים זיך אויסלערנען אויף אויסנווייניק ביז מ'הייבט אים אן אונטערצוברומען.

די ערשטע צוויי שורות, דער בעזרת השם יתברך, דער אויסגעזוכטער פסוק פון דער סדרה, וואס זענען ווי דער מוזיק־שליסל און דער מאטא צום גאנצן. נאך די סטערעאטיפישע טיטלען און די פאר פילאזאפיש־מוסרדיקע ציטאטן פון מה שאמר החכם, ווי דאס אלץ וואלט געווען ווי צו באהערשן די עמאציעס, אנצוהייבן דעם ניגון מיט א שטילן פאל, איז דער טאטע באלד ארויס, נישט אויסהאלטנדיק:

„ס'טייטש, היתכן, ווי כאפט זיך דאס ארויס א מענטש, אפילו אין זיין גרעסטן צער מיט אזעלכע ווערטער „און איך לעב"? (דאס זענען געווען די איינציקע ווערטער אין יידיש און מיט גרויסע אותיות, ממש ווי די מאמעס,

אין פיר זייטיקן לשון־קודשדיקן בריוו, מיט פיטשעדיקע אותיותלעך) יעדע רגע מוז מען דאנקען השם יתברך וואס מען לעבט . . . און ווייסטו דען נישט וואס א מענטש קאן אויפטון אין איין שעה אחת בעולם הזה ? און וואס בנוגע שלמהן, זכר צדיק לברכה, כ׳האב דאך דיין בריוו נישט געקענט לייענען, אזוי אויסגעווייקט אין געווען פון דיינע טרערן איז ער דאך געווען, אז איך האב מיך קוים געקענט איינהאלטן, נישט איבערן נפטר. ער איז דאך תחת כנפי השכינה בגנזי מרומים, נאר פשוט איבער דיר. ווי פארלירט א מענטש זיך אזוי, ווען ער ווייסט מה דעביד רחמנא לטב עביד !

„ווייסטו, די לעצטע פיר טעג, ווען ער האט שוין נישט געקענט קיין לעפל וואסער אראפנעמען, און איך בין געזעסן איינער אליין ביי זיין בעט, איז געווען לא פסוק פומיה מגירסא, כ׳האב געזעען ווי זיין מוח ארבעט. אין לעצטן טאג, אין יום־המות, האט ער שוין קיין תפילין נישט געקענט לייגן. בעט ער מיך, אז איך זאל די תפילין פאר אים אנטון : ס׳איז טאקע א מצווה שבגופא און מ׳קאן עס נישט מאכן דורך קיין שליח, אבער ברא כרעי דאבוהא. ווען ער האט דאס קוים ארויסגעשעפטשעט, האט מען געקענט זעען ווי זיינע ליפן שמייכלען. דו געדענקסט דאך ווי אלעמאל, ווען ער פלעגט מחדש זיין . . . די פיר טאג האבן מיינע אויגן קיין טרערן נישט ארויסגעלאזן, ער זאל זיך נישט משער זיין ווי ער האלט. און אזוי ביז נאך דער לוויה, ביז נאך די שבעה. קוסטו מיט דיין בריוו און צעברעכסט מיך אינגאנצן ?“

און נאך דעם קומען פארשיידענע מאמרי חז״ל און דאס ווארט פון „חסד לאברהם“ . . . און אזוי ווייטער און ווייטער ביז ביים סוף פון בריוו קומט עס כלומרשט ווי א זייטיק אנצוהערעניש. „אפשר טאקע צוריק אהיים קומען. ס׳וואלט געווען א גלייכע זאך פאר אלע צדדים“ . . . „אלץ קאן געמאכט ווערן על צד היותר טוב“. „ס׳וואלט גוט געווען ווען מיר האבן דיך אין דער היים, בפרט פאר דער מאמע שתחיה, השם יתברך יהא בעזרה“. כדי איך זאל מיך נישט דערשרעקן פאר דעם ארויסגעכאפטן זאץ, איז באלד געקומען דער צווייטער זאץ : „די מאמע שרייבט דיר די טעג, זי מאכט פערטיק א פעקל פאר דיר, דיר צושיקן, זי וויל נישט מפסיק אין מ׳טן נייען . . . דו ווייסט דאך . . .

כ׳בין לאנג געזעסן אזוי אויפן קעסטל. איך האב מיך ווי אויפגעכאפט, אויפגעוועקט פונם „איזיק־מזיק ליד“, וואס ראונבלאט האט זיך צעזונגען ביים אויסשטעלן די שיסלען אויפן טיש. וואס אין די לעצטע האט ער עס שוין געהאט אויפגעהערט צו זינגען . . .

ווען כ׳בין אריינגעקומען, האט זיך ראזנבלאט מיט מיר שטארק דערפריידט : „כלעבע די גערדיכטע, כלעבע די גערדיכטע, איך זאל אזוי לעבן“ — איך האב דאך גארנישט אזוי געמיינט . . . מיר ווערלן היינט עסן קארטאפל אין די מונדירן, ווייל זי האט געווארט אויף דיר מיטן אפשיילן“ . . .

אזוי־ווי קיינער האט נישט געוואוסט פון דעם אומגליק, האט אויך קיינער נישט געוואוסט פונם בריוו ; זיי זיינען געווען מיין, מיין אייגנס . . .

אין פיר־פינף טעג איז אנגעקומען א פאקעט. עס איז געלעגן אויף מיין



פלאץ ביים טיש צו מיטאג.

אלע האבן געווארט כ׳זאל דאס פעקל אויפעפענען. ס׳לעבן דא איז טאקע קבוציש־קאמוניסטיש, אבער אויפמאכן יענעמס פעקל וועט קיינער נישט וואגן. ווילאנג ס׳איז נאך פארפאקט, פארבונדן מיט שטריק, פארטריפט מיט טריף־וואקס, איז עס נאך אין זיין אייגענעם רשות . . . אבער דער אינהאלט געהערט דאך סוף־כל־סוף אלעמען.

איך האב מיך לאנג נישט געוואקלט און דאס פעקל גענומען פאמעלעך אויפקניפן. פון אלע זייטן האט מען מיר דערלאנגט די מעסערס, אבער איך האב געוואלט די אלע קנופן, וואס די מאמע האט געמאכט, פילן מיט די הענט, פילן דעם געשיקטן, נערוועזן באוועג פון אירע צארטע פינגער, דערשפירן דעם טראפ־טריפנדיקן, הייסן טריפוואקס פארגליווערט איצט אין דער חתימה . . . מיינע שפיץ־פינגער האבן געגליט, געפיבעכט . . .

אויבן איז געלעגן צוויי פאר ווינטער־וועש, צוויי פאר וואלענע זאקן. אראפגענומען, האט זיך באוויזן א בלעכן שעכטל צוגעדעקט מיט א טלית־קטן און דערצווישן א צונויפגעלייגט בייגעלע פאפיר — א בריוועלע.

טרערן אין די אויגן האב איך באקומען, דערזעענדיק די אויסגעטאקטע לעכלעך, וואו די ציצית זענען געווען אריינגעצויגן. דעם גאנצן טרויער אירן האב איך דערזעען אריינגעגנייט אין זיי — ווי געלאמעוועטע אויגן פון ווייגען האבן זיי אויסגעזעען ! די ציצית זיינען געלעגן אין אונטערגענייטע טעשעלעך...

אין בלעכענעם שעכטל זענען געווען אויסגעבאקענע, צוגעברוינטע קאמיסברויטלעך, מיט לויטער געשניטענע מאנדלען — ווי איך האב ליב געהאט . . . בשעת חברה האבן גענומען באוואונדערן די קאמיסברויטלעך, האב איך מיך געמאכט באקוקן די זאכן און דאס בריוועלע געלייגט דערווייל אין טאש אריין עס צו לייענען שפעטער, ווען די חברים וועלן צוריקגיין צו דער ארבעט. אפנים מיך דאך נישט געקענט באהערשן, און אונטערן טיש עס ארויסגענומען נישט צו לייענען, די אותיות בלויז אנצוקוקן, די באטשאנע אותיות, מיט פליגלען צעשפרייטע —

מיט א יאמערלעך געשריי : „מאמע !“ בין איך געפאלן מיט קאפ אויפן טיש — אויפן גאנצן, נאקעטן בייגעלע פאפיר איז נאר געשטאנען דאס איינציקע ווארט : „מיין איינציקער“ — ווילד צעפלאטערטע אותיות, צעשרייגענע איבער א ליידיקן הימל . . .

איר גאנצער טרויער איז געלעגן אין דעם איינציקן ווארט, אין יעדן פארציקטן צעפלויגענעם אות. איר גאנץ לעבן, איר גאנצע ליבשאפט. ווי נישט דערשאכטן האט יעדעס אות געשריגן.

עס איז אלץ ארויסגעקומען ! מיט טרייסט, ווערטער מיט טענות איז יעדער צו מיר צוגעקומען : „היתכן ?“ „א חבר צווישן חברים“, „ישחנו לחברו שטייט, מ׳רעדט זיך אראפ פון הארץ און ס׳ווערט גרינגער“.

„יעצט פארשטיי איך ערשט דיין גאנץ אויפפירן זיך דא . . . און כ׳וועל דיר זאגן, אז דו ביסט באמת א פרא־אדם“ . . . האט דער אמסטערדאמער חבר

מיך חבריש ארומגענומען: „כ׳האב שוין באמת נישט געוואוסט וואס צו דענקען וועגן דיר״ . . .

ראזנבלאט איז צו מיר צוגעקומען און מיך גענומען אונטערן ארעם: „איך גיי היינט נישט צוריק צו דער ארבעט, מיר וועלן אביסל ארומשפאצירן איבערן דארף, ס׳וועט אונז ביידע גוט טון״.

דער טאן פון זיינע שטילע ווערטער, דאס מטעים זיין פון דעם ווארט „ביידע״ האט מיך צענומען . . . מיך דערמאנט אין זיין „וקבצנו״ — צוזאם!

אויף אונזער שפאציר זענען מיר פארבייגעגאנגען פאר א פויערים־הויף. ראזנבלאט האט זיך באגריסט מיט דעם לאכנדיקן, פריילעכן פויערל, ברייטער ווי גרעסער, מיט א דיווויסקע איבערן אפענעם וועסטל און א פייקעלע אין מויל: „בוימיטדאך, באס״. פארשטעלנדיק מיך, קוקן אויף מיר דעם פויערס צוויי אין שמאלץ שווימענדיקע אייגעלעך, לוסטיק און כיטרע: „איך קען אים, דאס איז דאך אייער שלאטן־„שפיטער״. איך ברויך טאקע איינעם . . . זאג מינערן פיסער ער זאל צו מיר אריינקומען״ —

דאס איז מסתם ביי דעם תמימותדיקן ראזנבלאט געווען אזא אויפטו. — כ׳וועל נישט זאגן, אז שוין ביים נעמען מיך אונטערן אר׳עם מיט דעם ווארעמען טאן מיר זאלן „ביידע״ שפאצירן, — מיך וואס ווייטער פון דער קיך צו האלטן, מיר פארשאפן א פלאץ און — פטור! זיין פשטות, זיין אפנהערציקייט (אפילו וואו ער האט געוואלט באהאלטן אן אונטערגעדאנק . . .) האבן מיר אים געמאכט נענטער ווי די אנדערע חברים; ביי אים האט מען געשפירט דעם „בכל יום ויום אחכה לו״: ער הערוואַרט שוין דעם טאג, ווען ער מיטן זייגערמאכער, מיט דער שוועסטער, וועלן אלע דריי אפ פארן שוין קיין ארץ־ישראל . . . „צוזאם — וקבצנו יחדו״! . . . ביי די אנדערע חברים זענען שוין געווען פייגעלעך אין קאפ: אגראנאמען ווערן, גארטן־ארכיטעקטן, וועטערינארער . . . טאקע פאר ארץ־ישראל, אבער אויסנוצן האלאנד וואס לענגער, ווי מען קען נאר, א שעת הכושר . . . אריינכאפן וויפל מ׳קען . . .

דעם צווייטן טאג אין דער פרי, נאך פאר זעקס אזייגער, בין איך שוין געזעסן מיטן „באס״ אונטער א קו און ער האט מיך געלערנט מעלקן: „דער עיקר, מען מוז וויסן דעם לעצטן טראפן אויסצומעלקן. מ׳קאן קיינמאל נישט וויסן וויפל טראפן, — גאנצע שטראלן מילך! — קאנען נאכקומען נאך אזא לעצטן טראפ. זיי באהאלטן דאס אומישנע פאר זייערע קעלבער . . . און די קעלבער ליגן שוין ערגעץ אויפן יאטקע־קלאב . . . זיי זענען קלוג ווי די באבעס״ . . .

הינטער א צווייטער קו, מעלקנדיק, ברומט ביז די פויערטע, אן עלטערע פון אים, מיט א גוט פנים, נאר מכשפהשע, דזשיאבע־אויגן: „ער פרעדיקט שוין, ער באווייזט שוין זיינע חכמות״ . . .

שכוינענפעלד, א פארמעגלעכער פויער אין דארף, האט געהאט איבער צוואנציק קי אין שטאל און דער קהלישער ביק פון דארף איז געשטאנען אין אן ארומגעצוימטן ווינקל. ער איז אויך געווען א גאנצער״ גבאי־שני״ אין דארף־



קירכעלע. אז דער גלח איז א זונטאג נישטא געווען, האט ער געליענט דאס קאפיטל פון דער וואך . . . די פרוי שכוינענפעלד איז געווען א יונגע פארמעגלעכע אלמנה. ער איז געווען א קנעכט ביי איר — יעצט האבן זיי שוין א טאכטער פון זיבעצן יאר.

יעדן אין דער פרי האט די פויערטע, די טאכטער און דער אלטער יאן געמאלקן די קי, און דער „באס״ און הענדריקעס האבן צוגעגרייט דעם „אבראק״, געשניטן פרישע שעצקע, באזארגט דעם ביק. פון היינט אן האט יאן געהאלפן הענדריקסן און ווען איך וועל האבן געכאפט די תורה, וועל איך איבערנעמען זיינע זיבן קי.

אנבייסן האב איך שוין געגעסן ביים באס אין קיך און געשעפט מיטן לעפל פון איין גרויסער שיסל אינמיטן טיש. פריער אבער האט שכוינענפעלד גע־פראוועט זיין רעליגיעזע צערעמאניע, פארגלייזט פרום די אין שמאלץ שווימענדיקע אויגעלעך . . . און זי האט בייז געברומט אין די ליפן אריין: „ער האט שוין פאר וועם צו פראווען זיינע שטיק״ . . .

נאכן אנבייסן האט מיך איבערגענומען הענדריקס כ׳זאל אים העלפן אויסרייניקן די שטאל. יאן האט זיך גענומען פוצן די קי, אנגעהויבן אין אפגעצוימטן ווינקל מיטן ביק.

דאס לעבן האט זיך אנגעהויבן צו סטאביליזירן. איך האב מיר שוין פארדינט אן אנבייסן, פרייטאג באקומען פון באס א גילדן אויף טאשן־געלט. ביים רייניקן די שטאל, ארויספירנדיק דאס מיסט אויף טאטשקעס אויפן צווייטן הויף־טייל ארויס, בין איך נישט אפגעשטאנען פון הענדריקסן. יאן האט מיך שוין צוגענומען ביים רייניקן די קי און מיך מכבד געווען מיט קיי־טאבאק . . . צו די פערד און דעם ביק האט מען מיך נאך נישט צוגעלאזט.

אין דער היים, אין חלוצים־הויז, האב איך אויך שוין געוואוסט מיך איינצוארדענען און אפילו צו געפינען א שעה אויך צו זיין ביחידות, אנצושרייבן א ליד, אהיימצושרייבן בריוו, אין וועלכע איך האב מיין גאנץ הארץ אריינגעלייגט, אסך מער ווי אין א ליד; כ׳האב געשפירט ווי זיי דערהאלטן די מאמע ביים לעבן.

אין יענע מאמענטן פלעגט אבער דער זייגערמאכער ארויסגעפינען וואו איך בין און פארבייגיין ווי צופעליק מיטן פייקעלע צווישן די ציין: „הא, איר דיכטעט?״ און זוכן צו פארפירן א שמועס: „איך האב אויך אמאל, נישט היינט, געדאכט, געפרואווט צו שרייבן דראמעס. האב איך קודם אדורכגעליענט אלע איבסענשע דראמעס, געהארעט היפטמאנען, און איר מיר נישט, דיר נישט און איר שרייבט . . . לא זו הדרך . . . מ׳מוז פריער לערנען! ווייסט איר דעם אונטערשייד פון א קלאסישער דראמע ביז . . .״

איך רייס אים איבער: „איך וויל נישט לערנען וואס אנדערע האבן געזאגט . . . איך זאג וואס כ׳האב צו זאגן״.

„איר פארשטייט נישט . . . קונסט איז א פאך, ס׳האט א טעכניק, מ׳מוז עס לערנען, סטיל, פסיכאלאגיע . . . יעדע עפאכע . . . שעקספיר למשל . . . ביי

אונז אין עסטרייך איז געווען צוואנג־שול. א יינגל האט שוין געקענט שילערס ‚די רויבער׳ . . . וואס הייסט איר שרייבט געדיכטע? קענט איר ‚די גלאקע׳? איך האב דאך מיט אייך שוין געשמועסט. איר זענט ממש אן עם־הארץ אויף דעם געביט״ . . .

איך האב מיך נישט געקענט מער איינהאלטן: „מיר אין פוילן האבן געהאט אונזערע אוניווערזיטעטן אין די בתי־מדרשים, אין די שטיבלעך . . . באהאלטן אין דער ווייבער־שול האבן מיר געליינט פאעזיע, מאריס ראזנפעלדן, יהואשן, אברהם רייזענען . . . און וואס איר זאגט מכות סטיל, כ׳וואלט אייך געוויזן מיין טאטנס בריוו, וואלט איר געזען וואס מיינט סטיל . . . און פסיכאלאגיע האב איך מיט מיין מאמעס מילך איינגעזויגן . . . יעדע מינע, יעדן ריר״ . . . מיך האט ווי עפעס פארדראסן אויף מיר, ווי כ׳וואלט א פרעמדן א באהאלטענעם סוד פארטרויט און האב, מיט פארביטערקייט אויף מיר, אויסגעשריגן: „מיר לערנען פון פרצעס אין פאליש אויף דער קייט, נישט פון די רויבער״ . . .

ער האט ארויסגענומען ס׳פייקעלע פון מויל, אויסגעשפיגן, זיך אויסגעדרייט: „רעד מיט א פוילישער דריפקע״. „ס׳רעגט זיך נאך אויף״!

איך האב שוין דאס ליד, דעם בריוו נישט געענדיקט. געבליבן זיצן אן אויפגערעגטער. אויפגעזוכט ראזנבלאטן און געכאפט א שפאציר.

די טעג זענען געווארן קורץ, די נעכט — לאנג. די ארבעט איז אפגעשטערט געווארן אין איניקע שעה. די נייעס פון פאלעסטינע זענען געווען נישט געהויבענע. די ארויפגעארבעטע בעל־גופים באארבעטן זייערע פעלדער מיט אראבישע ארבעטער. די חלוצים הונגערן, שטארבן אויף מאלאריע. געשלעגן צווישן יידישע און אראבישע ארבעטער. מ׳רעדט פון פאגראמען. מ׳זיצט ארום אויוון און מ׳האלט אין איין דיספוטירן. די הייסע דיסקוסיעס צעפלאמען זיך, מ׳היצט זיך, מ׳קריגט זיך: „כביש עבודה! קאמוניסט! בורזשוי!!״ ס׳שאפן זיך צדדים: „באראכאוו״, „טראצקי״ — —

אין די פרעסט־טעג גייט מען כמעט אינגאנצן נישט צו דער ארבעט. „מ׳ליגט איינער אויפן אנדערן״ און די אטמאספערע ווערט נאך אנגעגליטער, נערוועזער: פערזענלעכס מישט זיך אריין, כאראקטער פארשיידנקייט . . . מ׳פילט זיך ווי קעסטקינדער, מ׳פילט די אפהענגיקייט, אפהענטיקייט, צי אייגענע מינדערווערטיקייט, יענעמס מערווערטיקייט . . . רייבונגען, קליינלעכקייט פערזענלעכס אונטער פארטיי־מאנטלען!

איך נעם מיר מיט א בוך אין בעט אריין און בלייב ליגן אין בעט ביז מיטאג אזוי ארום צו געפינען מיינע אייגענע ד׳אמות. כאטש אויף איניקע שעה אין מעת־לעת . . . איניקע גייען אינגאנצן אוועק אויף גאנצע נעכט . . .

* * *

אין ווינקל ביים אויוון איז געזעסן „דער קאמיטעט״ — דאס מיינט דער זייגערמאכער מיטן פייקעלע אין מויל, אברהמל דער טעארעטיקער און יידל. — עס האט זיך געהאנדלט אין אויסשליסן א חבר איבער א „מאראלישן״ ענין. די דריי האבן זיך אויפגעשטעלט צעקאכט, צעהיצט, מיט א באשלוס: א חברים



אפשטימונג! מיר האבן זיך געזעצט ארום טיש. איך האב— געבעטן א ווארט: „אל תדין, און צוריק געשמועסט, א דערוואקסענער מענטש האט דאס רעכט צו האבן זיינע מאראלישע באגריפן. ער לייקנט דען? ער זאגט דאך אפן, אז ער איז א לינקער. איר ווייסט דאך — וואס ס׳מיינט שטעמפלען ווען פאר א „באלשעוויק!״ ס׳הערן זיך צווישנרופן: „ביסט אויך אזוינער און אזעלכער. מיינסט מ׳ווייסט נישט אין אמסטערדאם?״ . . . „באלשעוויק!״ שרייט איינער פון הינטן. „יידישיסט!״ דער זייגערמאכער מיטן פייקעלע אין מויל בייגט זיך אריבער צו מיר און זאגט בייז ארויס: „קריסטוס!״ און דערלאנגט מיר א פאטש.

עס ווערט א סומאטאכע. מ׳שטעלט זיך אויף, מ׳צעטיילט זיך אין קופקעלעך. מ׳רעדט, מ׳זידלט זיך. מ׳קאכט זיך, ס׳ווערט א טומל. איך הייב מיך שטיל אויף און גיי אומבאמערקט, ווי אזוי זיך, ארויס פון דער שטוב, פון קארידאר אויפן הויף ארויס. אן שום באשלוס, נישט ווייסנדיק וואס איך טו, עפן איך פאמעלעך דאס הויף־טירל און אויף דער דארף־גאס ארויס. א בריאיקע פראסט נעמט מיך ארום. קיינער גייט מיר נישט נאך — ראזנבלאט אויך נישט!

יא, כ׳האב דאס געטראכט: „ראזנבלאט אויך נישט!״ און דאס איז מסתם געווען דער באשלוס: „קיינער נישט, קיינער נישט, און ראזנבלאט אויך נישט״ — —

גוט וואס איך האב אויף מיר געהאט דער מאמעס וואלענע אונטערוועש, די דיקע וואלענע זאקן, און אויפן קאפ נאך אין קארידאר מיר אנגעטון דעם אמסטערדאמער „פעט״. כ׳האב געשפירט ווי מיינע ארויסהענגענדיקע פעטלעס האר דרייען זיך אין דעם פראסט קענושערדיק.

פארטאג, לאנג פאר זעקס אזייגער נאך, בין איך שוין געווען אין דער צעפארעטער קי־שטאל, און בין ארומגענומען געווארן פון דער היימישער ווארעמקייט פון די שוויצנדיקע, מעלה־גירהדיקע בהמות. די ארונטערגעדרייטע לאמטער האט זיך טונקל געשאקלט אויף א קראקווע און די בהימה־קעפ מיט הערנער האבן זיך מיטגעשאקלט אויף די פינסטערע, קוים באלויכטענע ווענט.

קיינער איז נאך אין שטאל נישט געווען. פון יאנס קאמער האט מען געהערט זיין אלט־הוסטן עפעס האט ער געמוזט הערן. אז עמיצער געפינט זיך אין שטאל, פון דעם טומלדיקן באוועגן זיך פון די קי, פון זייער אויפשטעלן זיך און כראפען; פונם שארן פון די פערדישע פאדקאוועס אין דער קייגנאיבערדיקע פערד־שטאל —

ער אליין נאר, דער ביק, אין זיין אפגעטיילט קעמערל איז זיך געלעגן שטיל און „ארויסגעלוגט״פון אינטערן טירל, געמעלה־גירהט, ווי קיינמאל גאר נישט א שטרוי, מיט זיינע דיקע לעפצן. דער רינג אין דער אינטערשטער ליפ האט זיך מיטגעדרייט ביי יעדן קיי און די גרויסע שווארצע אויגאנעס אונטערן ברייטן ווייס־געפלעקט שטערן — ער האט מיך געהאלטן אויפן אויג!

איך האב מיך דערמאנט אינם פסוק: „אדם ובהמה תושיע ה׳״. און מיר איז אזוי גוט געווארן, אזוי ווארעמלעך און אזוי היימיש. ס׳האט נישט לאנג

געדויערט און יאַן, אַ צעכראַסטערטער, איז אַראָפּגעקומען פון זיין קאַמער:
„כוי מאַרכן, בראַם. עפּעס איז דער מער מיט דיר, בראַם?" . . .
מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט: „בראַם". האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט און מער גאָרנישט . . . גענומען זיין מילך־עמער און מיר געגעבן דעם „באַסעס" עמער און ווען זיי, דער „באַס", די פויערטע און די טאָכטער, זענען אַרויסגעקומען פון שלאָף־שטוב, האָב איך שוין געמאָלקן די זעקסטע קו . . .

## העגרי רוסאָ

1

ס'געל־גרויע, פאַרגילדיקטע, ס'גרינלעך־גיפּטיקע,
גלייך אויסגעגאַנגענער חלום, אומעט־באַהויכטן;
צווישן קזשיאַקעס־חשכות בליקן שאַרף־געשפּיצטע,
אַטעמדיק צישנדיק, בליץ־בלישטשענדיק באַלויכטן —

ער הערט די ווידערקולות — וואַלד־ווילדע לידער!
ווי אויסגעבלוטיקט, ווי בלאַסלעך־בלייך דערשראָקן!
זיין בליק רייסט זיך, קייקלט זיך אַלץ גרויס און גרעסער,
פאַרשטעקט ער אים אין געקרייזל פון אירע לאָקן.

ווער איז זי? וואָס איז זי? די לבנה שוועסטער,
אירע האָר אַזוי זיידן־ווייך, אַזוי גין־גאָלדן;
זע, די ציפּרעסן הענגען פון הימל אַראָפּ —
פון איר וויאַלעטן שלאָף־מאַנטל די זילבערנע טראַלדן.

און ווען זיין געמיט תמימותדיק, קינדיש־געשטילט,
שפּילט ער זיך מיט לייב צעברילטן, מיט ווילזטירן;
פון די צעביסענע וועגען און אַרטעריעס
רינט עס רויט צעריזלט, טויזנט און איין קאַלירן —

זיין האַרץ איז דעמלט — די פּאַליטרע אין זיין האַנט.
די פּינזלען אַלץ טיפער און טיפער איינגעטונקען;
גאַנצער אַרום איין גרויס־צעוויקלטער חלום,
געשפּאַנט, גענאָגלט, געדעמט גלי־געשפּריץ פון פונקען:

—נישט נאָר יענער חלום פון לאַם און וואָלף,
אַ יינגל זיי פירן, מיט זיי אַרומשפּאַצירן;
דער אָראַנג־אוטאַנג, מיט אַ בער — נישט אויף אַ קייט!
טאַנצן אַ מינועט צו דער פרייד פון קאָלירן.

2

פאַרוואָר, וואָר און ווירקלעכקייט ווערן פאַרוואַנדלט
אין וואונדער — ווילד־פאַרוואונדעט בלייבן שטיין די לייבן,
פאַר דעם פרויען לייב אויפן דיוואַן, „דיוואַניע" — —
אַז די ליליען שוין אַזוי פליישיק־תאוהדיק באַלייבן!



איר לייב, ליים־געקנאַטן, ציגל־רויט געבאַקן,
שפּורן פון גאַטס־פינגער־דרוקן די שלאַנקע גלידער;
לאַקן און לאַנגע צעפּ פאַרפלאַכטן — שלאַנג־געקנויל,
שלאַמייען אויסצופייפן וואַלד־ווילדע לידער.

יענער עפּל חוה אדמען געגעבן,
דזשונגלט ווייטער דאָ אויף דעם טרוים־בוים אין גן־עדן —
ווער וואַנדלט ווו צווישן געצווייג ווינט־ווייגלדיק?
מ'ווערט באַלד הערן ס'וואַלד־ווידערקול וואונדערלעך ריידן.

שאַ, אָראַנג־אוטאַנג — אַ בן־אדם מיט אַ פליט!
געזאַנג אויף אַלע זיינע פינגער אויסצופייפן:
דעם כשוף־סוד, דעם חלום, די חידה־פּתרון —
די מיסטעריע־וועלט משיג צו זיין און באַגרייפן!

די לבנה קרייד־ווייס ווערט, בלייבט שטיין דערשראָקן,
פון שטויבען פאַרלוירן די לעכער פון די אויגן!
פון נעסט אַן אויפגעוואַכטער פויגל מיטן שלאָף
הערט דאָס פייפן, אויף אַ בוים שנעל אַראָפּגעפלויגן —

אַז ס'איז דאָך דאָס לעבן דער חלום נאָר פון טויט,
נאַקעטע ווירקלעכקייט — ס'געראַנגל פאַרן שטאַרבן!
וואָויל דעם, ווער ס'ווייסט ווי שוואַרצן טויט אויסצוטרוימען,
אויף וואונדערלעך אַזעלכע לייכט־ליכטיקע פאַרבן!

## אַזאַ עד - דלאַ - ידע - באַלאַדע

אין וואָס פאַר אַ מאַסקע דו זאָלסט דיך נישט וועלן פאַרשטעלן,
אָבער תיכף־מיד, ווער דו ביזט, מען טוט דאָך דערקענען;
אין די מענטשעלעך פון די אויג־אַפּלען, אין די „פּאַנעלעך",
און איז זייער אָנבליק בלויז, מען דערקענט באַלד ווער זיי זענען.

עפענען זיך צוויי קוואַלן אויף די „פּאַנעלעך" צופוסנס,
און זיי טובלען זיך און טוקן זיך אין הייסע טרערן:
„אמת טאַקע, וואָרהאַפטיק, פרעמדע מיר זענען געווען,
געיידישטע קינדערלעך צוריק, אַצינד מיר ווערן".

ווינט אַ „פרײלעכס" ס'פידעלע, דער קלאַרנעט קרעכצט אויקעצדיק צו,
צובאַמקענדיק פויקט די פויק און מרוקנדיק ברומט דער באַס;
„עד־דלאַ־ידע" אויפגעטאַנצט, ביז צו די וואָלקנס אויבן,
און פון ווײַן־קעלער אַריינגעקוילערט דעם עקסטן פאַס —

* * *

אויב דער רבי מיט א גרטע, דער חלוץ מיט א „גערל“,
דער רב זאל לעבן, פירט די גויה אין דער מקוה,
און דער חלוץ, א געזונט אין אים, קיין ישראל די שיקסע,
טאנצדיק די הורא און זינגענדיק די התקווה,

טא פארוואס נישט איך מיט דיר, — מקווה ישראל ד׳!
איז דאך די ליבע אליין געווען אונזער שדכנטע,
און זי גופא, די מוזע, די מלכה, די מאיעסטעטין,
זי אליין וועט זיין אויף דער חתונה — די בדחנטע!

ווי וועט זי זיך צעשאקלען, תחינהדיק, מענה־לשונדיק,
שרה בת טובים מיט פרומע ליפעלעך פארצויגן;
דער באס־גייגער וועט ציען דעם בויגן, און דער פידלער —
דעם סמיק! פון איר מויל נישט ווערטער — זינג־פייגל געפלויגן.

איבער דיין קאפ שלייער־באדעקט, טיף איבער די אויגן:
כלה לעבן, כלה לעבן, א בראך צו אייך ביידע,
א לאכטיקע ווי דו ביזט, א שטיק גאלד, די יוגנד אליין,
און ער, נעבעך, ער קאן דאך שוין זיין דיין עלטער־זיידע.

כלה לעבן כלה לעבן, וויין דאך כאטש א ביסעלע,
האסט דו נישט קיין טויטע וואס זאלן זיך פאר דיר מיען?
שנעל, אביסל און א ביסל און ס׳איז א פולע שיסל!
קוק דאך אהין צו אים ווי די אויגן זיינע טליען —

ס׳איז זיין מעשענער יצר־הרע, א קלאג צו דער מוזע!
קוק אים אן, די גרוי־גרין געגאלטע געמבע, די שלייפן,
ווי, ווי ווייס שוין געווארן, א וויסטע מהומה אויף אים,
געבליבן קלומרשט פון שוים־שמעקעדיקן איינזייפן.

אייל זיך, שנעלער, מ׳טראגט דאך שוין די פלאכטע מיט די דרענגער,
באלד ברעכט ער מיט זיין זקנישן פיסל דאס גלעזל,
כלה קרוין, הארצעדיקע, כ׳ווייס אז גאט וויל שיסט א בעזעם — —
א פארגלייך זיין רויטע נאניע, און דיין פארשארצט נעזל?

פלינק, גיך, די באבעשי טאנצט שוין אקייגן מיטן קוילעטש,
גאט, פלאץ דאך אויס מיט א געבעטשע, מיט א יללה;
יענע „חתונה“ ס׳קאן ווערן, אויב די אלטע נישט הערן,
דיין געוויין — שטאט מיט א ברכה, ארויס מיט א קללה:

ווי איז דאס געהערט געווארן, א כלה פאר א חופה,
א יידישע טעאכטער, נישט צעגייט אין זיסע טרערן?
ווער ווייסט וואס דער ימח־שמוניק האט דא אונז אפגעטון?
און זי אליין, די מוזע, וויינט, ס׳הארץ איבערצוקערן —



אויב דער רבי מיט א גרטע, דער חלוץ מיט א „גערל“,
אין הייליקן לאנד אין אייגענעם, אין גאט־געבענשטן,
פארוואסזשע נישט מיר, — השמים שמים לדוישעם! —
איבערן כדור־ארץ, איבערן אויסגעמענטשטן?

א הורא געגאנגען, א מצווה־טענצל, א קאזאטשאק,
אז טרייסלען זאל זיך די גאנצע ערד ביז אין די גרונטן;
געשאסן ביזגל הימל דעם שאמפאניער פון די פלאשן,
אין די ווייך־און ביר־פעסלעך איינגעבראכן די שפונטן.

אזא „לחיים“ געמאכט אז דער קאפ זאל זיך פארדרייען,
פאלן פין די פיס, אונטער א פלויט ווו בלייבן ליגן,
און אלע אויפגעפלאטערטע, צוריקגעקערטע פייגל,
מיטזינגען דעם „עד־דלא־ידע“ ציענדיקן ניגון.

## גלאטשטיינען צו זיין ווערן א בן - שבעים הייאר

פון שטאט־חזן מיטן שושנת־יעקב,
צום רבינס טיש גוטן פורים ביטן,
ביזן משורר פון די מאנדל־לידער,
בשמים־ריח אצינד פרישן צעבליטן — —

יענס זוימענדל אין זאפטיק ווארעמע ערד,
שמעקעדיק צעקנאספעט אויפגעגאנגען —
שוין געווען ס׳משוררל זיסע וונדער קינד,
דעמלט ווען מיט טאטן מיטגעגאנגען.

## דאס געוויין פון א מאמע - לשון

א מאמע, אז קראנק איר איין־און־איינציקס,
מיט איר לייב און לעבן זי נעמט עס ארום;
און ווען דערשראקן פון פיין ס׳נעמט שטאמלען
צי גאנץ שוין אפגענומען ס׳לשון און שטום —

ס׳קעפל באטאפט זי, ס׳צינגעל באקוקט זי,
בליקט מיט שרעק אין די אויגעלעך אריין;
עס איז נישט נאר דא א מאמע־לשון,
ס׳איז דאך אויך נאך פאראן א מאמע געוויין.

שא שטיל, קיין ווארט — עס שלאפט, וועקט עס נישט,
אריבער די קריזיס און געזונט ס׳וועט זיין;
ווי גליאיק־בריאיק ס׳פיבערן די בעקלעך,
ס׳פלאפלט עפעס, בלויז א ווארט קוים צו פארשטיין —

וואס אלץ איז נישט א מאמע גרייט צו טון,
ווען די געפאר פון איר קינדס לעבן ווערט גרויס;
עס צו ראטעווען, עס צו דערהאלטן,
ס׳הארץ פון אונטער דער ברוסט זי רייסט ארויס.

ווי איז, אז א קינד באקלאגט א מוטער,
ווי און ווינט, ווען א מאמע איר קינד באווינט;
ביטער־באליידיקט ליידיק לעבן בלייבט,
פארלאשן שוין די זון, אזוי שיין געשיינט.

צו די פינסטערע פיר ווענט זי פליסטערט,
זי ברעכט זיך די הענט, זי רעדט מיט זיך אליין;
עס איז נישט נאר דא א מאמע־לשון,
ס׳איז דאך אויך נאך פאראן א מאמע־געוויין.

## פאר די דריי רבנים אין אמסטערדאם

נישט נאר אויף דער וואנט פון ריקסמוזעאום
הענגט א רב, א געמאלטער פון רעמבראנד,
לעבעדיקע רבנים, — „אין מזומן״! —
אינם ירושלים ד׳האלאנד.

א יתר הפליטה קוים געבליבן,
און דאס ערשט אין א מזומן צעטיילט,
אבער געאייביקטער חוט־המשולש,
געבענשט און געהייליקט און אויסגעוויילט.

מיין פיס געטראטן אין יאדנברע־סטראט,
גאט געפילט דארט אין מיין יעטוועדן טראט;
ערשט איצט, אנגעזאפט מיט יידישן בלוט —
אדוני אלוקינו אדוני אחד — —

שפינאזע, אומשטארבלעך אין זיין קבר,
פון זיין הארץ פאלט א שווערער שטיין אראפ:
פאר דעם יידישן בית־דין פון די דריי,
בייגט ער זיין קעניגלעך געקרוינטן קאפ.

## פאר נ.

(אויספירלעכער פירוש צום לידל: „היינט איז פורים מארגן איז אויס
גיט מיר א קרעפל און ווארפט מיך ארויס״)

ס׳בעט דער פורים־שפילער,
סך־הכל איין קרעפל;
יא, ווייל, איינס און נאך איינס,
און ס׳איז ס׳גאנצע טעפל.

לאזט א פורים־שפילער,
שוועל בלויז איבערטרעטן,
און ס׳גאנצע לעבן דיינס,
דו וועסט שוין גאט בעטן,

וואס פערלאנגט ער עפעס,
מ׳זאל אים ארויסווארפן?
ווייל פורים־שפילער,
א זאטשעפ בלויז הארפן.

וויאזוי לעבעדיק,
פון הויז צו ענטרינען;
מיט זיין ליד — פליג אין נעץ
ער וועט דיך פארשפינען.



## אייזיק גאלדבערג

# סימפאזיום פאר יידיש

(איינדרוקן און פאלעמיק)

דער סימפאזיום ביי אונז דא אין לאנדאן אין יאנואר, 1966, איז באמת א וויכטיקע געשעעניש. אראנזשירט איז ער געווארן פונם יידישן וועלט־קאנגרעס, וועלכער האט צו דעם סימפאזיום איינגעלאדן יידישע שרייבער און קול־טור־טוער פון א ריי לענדער אין איראפע און אפילו מעבר־לים. אזוי האבן מיר אין משך פון קנאפע צוויי טעג, וואס דער סימפאזיום האט אנגעהאלטן, געקענט הערן באלערנדיקע רעפעראטן און באריכטן בנוגע דער מערכה פון יידיש אין דער וועלט.

אנגעהויבן האט עס זיך מיט א זער פייערלעכן באנקעט לכבוד די געסט פון אויסלאנד און די היגע באטייליקטע. אבער אן דיסאנאנס כמעט באלדביים אנהויב איז עס נישט אדורך. יעקב הלוי, וועלכער האט דערעפנט דעם סימפאזיום, באגריסנדיק די געסט, אויסלענדישע און היגע, נאכן זאגן איניקע ווערטער באלד אריבער אויף ענגליש . . . אודאי האט דאס נישט געקענט מאכן קיין צו גוטן איינדרוק, הגם ער האט זיך אזוי באמיט אונטערצושטרייכן די וויכטיקייט פונם סימפאזיום. צומארגנס טאקע, בעת דער דיסקוסיע, האט מען געקענט הערן ווי אויסלענדישע געסט האבן פראטעסטירט.

די שטימונג בכלל איז געווען מאדנע. מיר האבן דא געהאט צווישן אונז עקספערטן, מענטשן מיט דאקטאר־טיטלען פון פארשידענע לענדער, אפילו אמאליקע קעגנער פון יידיש, וועלכע זענען זיך צוזאמענגעקומען כדי צו זוכן תחבולות פאר דער איצטיקער סיטואציע; וויאזוי און מיט וואס מען וואלט געקענט העלפן אונזער מאמע־לשון. אויך האבן מיר געהערט, אז מדינת־ישראל האט אנגענומען א בעסערע שטעלונג לגבי יידיש.

עפעס האט דער נאמען „סימפאזיום״ אליין אנגעהויבן קלינגען אביסל פרעמד, ווי ס׳וואלט געווען א מין קאנסיליום ביי אן ערנסט קראנקן, וועמען מען זוכט צו העלפן פון זיין חולאת אין דער צייט פון זיין קריזיס —

מיטאמאל איז יענער קאמף פון יידיש העברעאיש, הגם נישט קעגן לשון־קודש, פערוואנדלט געווארן אין קאמף פון עברית קעגן יידיש, בשעתו אונטער דער ליטונג פונם גדוד מגיני השפה און וועלכער האט אפילו אנגענומען אזעלכע מיאוסע פארמען נאך דער אנטשטייאונג פון מדינת־ישראל.

קלינגט עס פאר אונז איצט ממש ווי א נס, אז מען מאכט א געמיינזאמען רוף אויפצולעבן יידיש און די יידישע קולטור!

זיכער איז נישט צו לייקענען, אז עס עקזיסטירט א פראבלעם יידיש. אבער א שפראכן־פראבלעם ביי געוויסע פעלקער אין דער וועלט, אפילו ביי פראג־רעסיווע פעלקער, איז דאך נישט קיין נייעס. אין דער הינזיכט איז אונזער פאלק מסתמא איינס פון די סאמע ערשטע, ביי וועמען א שפראכן־פראבלעם איז אנטשטאנען.

אונזער לאנגע געשיכטע אין ארץ־ישראל און איבערהויפט אין גלות האט גורם געווען, אז מיר זאלן נישט בלויז לערנען די לשונות פון די פעלקער, אין וועמעס מיט מיר האבן זיך באזעצט, נאר אויך מיט דער צייט ארויסצוארבעטן אייגענע דיאלעקטן, וואס האבן זיך שפעטער פארוואנדלט אין אויטאנאמע שפראכן, ווי לאדינא און יידיש. גרויסע יידישע געלערטע, ווי דער רמב״ם, סעדיה גאון און אנדערע, האבן געפילט דעם דוחק צו נוצן פרעמדע לשונות, שאפנדיק וואגיקע ווערק לדורות.

פריער נאך איז שוין אויסגעקומען זיך צו באנוצן מיט אראמעאיש, דעם לשון פון תרגום און תלמוד, היות מיר זענען דאס עם־הספר, פארוואס זאלן מיר זיך נישט באנוצן סאי מיט יידיש סאי מיט עברית? האט דאך דאס אייראפע־אישע, בעיקר דאס מזרח־אייראפעאישע יידנטום געשאפן און געזאמלט א קול־טור־אוצר אויף יידיש אין משך פון טויזנט יאר?

* * *

בעת דער ערשטער סעסיע פון סימפאזיום האט ד״ר אהרן שטיינבערג (לאנדאן) ברייט ארומגערעדט די וויכטיקייט פון יידיש אין דער גארער וועלט. עס געפינען זיך, האט ער באטאנט, אן ערך א מיליאן יידן, וואס לעבן זיך אויס מיט אט דעם לשון. דערפאר קאן מען נישט זאגן, אז עס איז טויט. להיפך, עס איז א שטארקער כוח אין דער וועלט. באזונדערס ווען די גרויסע ווערק, אריגינעל געשריבן אויף יידיש, אריינגיין אין דעם קולטור־אוצר פון מדינת־ישראל.

מר פוגאטש (פאריז) האט גערעדט איבערן יידישן לעבן אין פראנקרייך, בכלל, און אין פאריז, בפרט.

ד״ר ש. לעווענבערג (לאנדאן) האט אויך א זאפטיקן יידיש ארומגערעדט די לאגע פון יידיש און דער יידישער ליטעראטור אין סאוויעט־ראסלאנד. „דאס וואונדערלעכסטע איז וואס א האלבער מיליאן יידן האבן געהאט דעם מוט און שטאלץ אפן צו דערקלערן יידיש אלס זייער מוטערשפראך! אט דאס מוזן מיר באגריסן״.

זער וויכטיק זענען געווען די אויספירונגען פון מארק טורקאוו (ארגענ־טינע) איבער דער מערכה פון יידיש אין לאטיין־אמעריקע. „דאס רוב יידן דארט לעבט זיך אויס אויף יידיש־לשון״.

דעם אנדערן טאג האבן יוסף לעפטוויטש (לאנדאן) און ד״ר י. וואלף (מערב־בערלין) אנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט פון דער חורבן־ליטעראטור, וועלכע מען האט נאך נישט גענוג ארויסגעברענגט פאר דער עפנטלעכקייט. הרב מ. טשאסקאלא (פאריז) האט זיך הויפטזאכלעך אפגעשטעלט אויף די ישי־בות, וואו מען נוצט יידיש אלס א מיטל צום לערנען תורה. ד״ר י. ב. בערנפעלד (פאריז) האט אויף א שיינעם אופן באלויכטן סטוטשקאווס יידיש ווערטערבוך.

צום באדויערן האט געפעלט אן אויספירלעכער באריכט וועגן יידישן לעבן אין ענגלאנד, וועגן לאנדאן, און ווהייטשעפל בפרט. בעת די דיסקוסיעס האבן א סך א פראטעסטירט פארוואס עס האט געפעלט אט אזא באריכט.



דער דיכטער אלחנן וואגלער, (פאריז) האט געגעבן אן אפהאנדלונג איבער די שאפונגען פון לייוויק.

ש. גאלדשמיד (לאנדאן) האט אין זיין פארטראג אנגעוויזן סאטיריש אויף פארקריפלטע, ארטאגראפיע, וואס מען געפינט אזוי אפט און אזוי פיל אין יידישע צייטונגען, זשורנאלן און ביכער.

ד״ר שלמה בירנבוים לאנדאן) האט געהאלטן א לעקציע אויף דער טעמע „ווי אלט איז יידיש?״

י. נאטאני (לאנדאן) האט אנגעוויזן אויפן כוח פון יידיש אין דער איצטיקער צייט. „מיר פארמאגן א וועלטלעכע, מאדערנע ליטעראטור, געשאפן פון גרויסע יידישע שרייבער, וואס קענען זיך פארמעסטן מיט שרייבער ביי די אומות־העולם״.

עס האבן נאך גערעדט דער פאעט אויכנראנד, פון דער שווייץ, דער פאעט וואלדמאן פון פאריז, שרייבער פון בריסל א.א.ל.

פוגאטש און קארנהענדלער, די פאריזער געסט, האבן פארגעשלאגן פאריז אלס א צענטער פון יידישער קולטור־ארבעט, מיט אנשליסנדיקע סעקציעס אין לאנדאן און אין אנדערע לענדער.

א גאר באזונדערן איינדרוק האט געמאכט די לעצטע סעסיע, בעת וועלכער יוסף פרענקל האט געמאכט א רעזומע פון דעם געדאנקען־גאנג פון די צוויי טעג און געמאלדן, אז דער מיניסטער, ישעיה אנוג, פון דער ישראל־אמבאסאדע דא אין לאנדאן, איז געקומען ווי א פארשטייער צו באגריסן דעם סימפאזיום. דאס וואס דער ישראל־מיניסטער, ישעיה אנוג, האט דווקא גערעדט אויף יידיש האט אויף אלעמען געמאכט דעם בעסטן איינדרוק. דערקלערנדיק, אז מדינת־ישראל האט איצט אנגענומען א גאנץ אנדערע שטעלונג צו יידיש־לשון סאי אין לאנד גופא סאי אין חוץ־לארץ.

כדאי דא צו מאכן נאך איניקע באמערקונג אין שייכות פון יידיש מיט אויף מיין באזוך אין ישראל האב איך געשעפט נחת פון דעם ממש אויסער־געוועגלעכן אויפבוי פון דער יידישער מדינה, אבער עס טוט איינעם וויי, קו־מענדיק אין בארירונג מיטן יונגערן דור, איינצוזען ווי גרעסטנטיילס ווערט די יוגנט דארט דערצויגן מיט ביטול צו יידיש און צו די יידן אין די תפוצות. קאן מען דאך לייענען אין די יידישע צייטונגען אין מדינת־ישראל שורות ווי די דאזיקע:

„מיך וואונדערט — שרייבט „די לעצטע נייעס״ ר. גלאזמאן: און איך דרוק אוים מיין שארפסטן פראטעסט קעגן קירצן די יידישע ראדיא־אודיציע און קעגן פארגלייכן יידיש צו א פרעמדער שפראך״.

א יידישער קולטור־טוער פון פאריז, א פערזענלעכער פריינט, שמולא־וויטש, שרייבט מיר אין א בריוו וועגן דעם סימפאזיום:

„צי דאס וועט געבן גוטע רעזולטאטן, צווייפל איך בלויז דערפאר, ווייל מיר אליין זענען די שולדיקע. א יידיש לאנד מיט א יידיש פאלק באקעמפט די יידישע שפראך, וואס זאלן קינדער, געבוירענע אין ענגלאנד, פראנקרייך

און אנדערע לענדער זאגן? ווען זיי קומען באזוכן ישראל און רעדן די שפראך פון זייערע עלטערן פון מזרח־אייראפע, אז די יידן אין יידישן לאנד ווילן נישט צום גרויסן טייל ענטפערן אויף יידיש?"

א יידישע צייטונג גיט איבער פון מדינת־ישראל. דער גרויסער קינסטלער, מ. שאגאל, וועלכער איז איצט טעטיק אין ירושלים ביים אויפבוי פון דער נייער כנסת־געביידע, פארשאפט די סאברעס „גרויסע צרות". ווען זיי קומען צו אים זיך אויסטענהן רעדן זיי אדער עברית אדער פראנצויזיש, ער אבער ענטפערט תמיד נאר אויף יידיש . . .

דאס דארף זיין א מוסר־השכל פאר מנהיגים און ספעציעל פאר פרעדיקער פאר יידיש, אז זיי אליין זאלן אין זייערע היימען אריינברענגען א יידיש־ריידנדיקע אטמאספערע; אז אין זייער יידישער שטוב זאל יידיש־לשון נישט זיין, חלילה, טריפה־פסול! . . .

עס איז דא א גרויס פעלד, ווי מיר זעען, צו ארבעטן פאר יידיש סאי אין מדינת־ישראל סאי מחוץ־לארץ. מיט אזא צאל יידיש־ריידנדיקע יידן, מיט אזא כוח, וואלט מען שוין געקאנט אויסבויען א מלוכה . . .

לאמיר כאטש אויפבויען א גרויסע פאפירענע בריק איבער דער גארער וועלט. אויף אזא בריק וועלן מיר נישט בלייבן קיין פרעמדע, נאר אומעטום וואו מיר וועלן זיך צוזאמענטרעפן וועלן מיר זיך פילן ווי צווישן אייגענע.

### י. ריכטיגער

## בן סירא׳ס פאעמע וועגן ארבעט

(פאר פריינט אהרן ראלין צו זיין ווערן א בן שמונים)

דער פילאזאף הארעוועט ניט אויפן לאנד, דער לערנער ארבעט ניט מיט דער האנט — ווי אזוי קאן פארשן, דער בהמות טרייבער? אדער א פויער ווערן א פאעמע שרייבער? אז מיט שווערע פראצע זיינע יארן פארגייז, און זיין לשון נאר די אקסן פארשטייט, אז צו אקערן די ערד זענען אל זיינע זארגן, און פאשן די בהמות אווענט און מארגן. די האלץ און שטיין מייסטערס־האמער און זעג, רוען ניט אין די נעכט אדער די טעג. שלאסער פארענדערן כסדר די שלעסער, זיי זאלן זיין שענער זיכערער און בעסער. אין זיין ווערק פארטראכט זיך דער שמידט, פון ווען בלאזוואלק דאס אייזן צעגליעט, ביז ער האלט עס פעסט מיט דער צוואנג, און עס הערט זיך פון האמערן דער קלאנג, ביז ער האט א כלי אויסגעקלאפט און פאלירט, מיט זיין האמער פארשענערט און פארצירט. דער טעפער דרייט מיט די פיס דאס ראד, ער קוקט די מאס פון דער כלי זאל אויס די ווענט, דערנאך מוז ער די כלי מיט גלאזיר איבערציען, און לאזן איר זיין גראד, אמאל פארעמט ער אויס די כלי מיט די הענט, גלייכט און גלעטיקט אין אויווען אויסגליען, צו רעאליטעט זענען זיי אלע איבערגעגעבן, מיט זייער ארבעט פארזארגן זיי דעם לעבן, זיי זענען איינגעשפאנט אויפצוהאלטן די וועלט, מיט פרוכטן פון ווארשטאט און פעלד.



### מאריא קאנאפניצקא

## דאס ליד פון דיין היים

האסט דו ליב דיין היים, דיינע עלטערנס הויז,
וואס אין זומערדיגע נעכט, צווישן זילבערנעם נעפל
ווען אין חלום הערסט דו דאס זשומיען פון די ביימער און פילסט דעם
ריח פון דער רויז
און די שטילקייט היילט דיינע טרערן?

האסט דו ליב די היים, דעם אלטן דאך,
וואס דערמאנט לעגענדעס זער אסך
וועגן אלטע טוירן און ווייטע שטעגן
וואס באגריסן דיך צווישן באבלימלטע בייטן און וועגען?

האסט דו ליב די היים, מיטן פרישן ריח, פון פרילונג,
פון גרינע תבואות און געקאשיעטן היי
נאסע אלכעס און בלומען פון מיי
וואס פארשיכרן דיין מוח?

האסט דו ליב די היים, מיטן שווארצן סאפירענעם וואלד
מיטן זשומיען פונם טרויעריגן געוואלד
ווי פון גייסטערס געשריי און שטארקן ווינד מיט מוט
א, ווי דאס צעגיסט זיך אין דיין בלוט.

האסט דו ליב דיין היים, די עלטערנס הויז;
ווען צווישן דונערן און פארצפייוועלטע טעג
ווען די נשמה באפאלט א אומעטיקער צער
מיט זכרונות וואס שווימען פארביי.

א, אויב דו ליבסט, אויב דו ווילסט
לעבן אונטער דעם דאך, ברויט עסן,
מיט דיין הארץ היט דיינע עלטערנס נשמה ניגון,
ווו די זאלסט ניט זיין, זאלסט דו דיין טאטע מאמע ניט פארגעסן
דיין הארץ האסט דו איבערגעלאזט צווישן ווענט און אלטע וויגן.

יידיש משה דאמב

דאס בוך „פאמאכעט דער כעלעמער פאעט" פון שמואל וו‏הייט, קאנט איר באקר מען פאר א ביליקן פרייז פון 2 שילינג זיך צו ווענדן אויף דער אדרעס פון מחבר:
4 Ditton Close, Finchley, N.W.2.
S. WITH

א תיקון־טעות: אין דעצעמבער־נומער ל.א.ל. אין ליד פון עלא זילבערבערג „עס איז ק־נמאל נישט צו שפעט", מוז די לעצטע פיר שורות, אין דער לעצטער סטראפע זיין פאר די ערשטע פיר שורות.

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אר־בעט.

הערי אריעל

## סטאניסלאוו בראנשטיינ׳ס יידן

א יידישער פאעט וועמענס רוף קלינגט ווי אנעכא אין א חרב געווארענעם בית המדרש . . . א יידישער אקטיאר וועמענס שטימע הילכט אפ ווי אין אן אלטן שלאס וועלכער ליגט שוין אין רוינען . . . און איצט א יידישער מאלער וועמענס סורעאליסטישע מאזאיקס זיינען ווי שפיגלען פון דער פארגאנגענהייט אויף וועלכע עס האבן זיך איינגעקריצט די פנימער פון אונזערע טאטעס, זיידעס און עלטער זיידעס . . .

סטאניסלאוו בראנשטיין שטאמט פון ווארשע און האט אין זיין ערשטע אויסשטעלונג אין ענגלאנד, וועלכע איז ארגאניזירט געווארן דורך דעם קולטור קאמיטעט פון דער אילפארד רעפארם שול, געוויזן אז עכט יידישע קונסט אפעלירט צו יעדן איינעם, אפילו צו די וועלכע האבן אין דער היינטיקער מאדערנער וועלט פארגעסן פון וואנען זיי שטאמען . . .

מיט מייסטערהאפטע טעכניק האט ער געברענגט צום לעבן די יידישע פארגאנגענהייט. אין זיינע בילדער זעט איר דאס שניידערל, דעם וואסער טרעגער, דעם בדחן, שדכן און אלע טיפן פון דעם יידישן שטעטל. אין דער צייט וואס בארימטע יידישע מאלער אין לאנדאן יאגן זיך נאך א נייעם „סטיל”... זוכן נייע „גימיקס” . . . דריקן אויס זייערע געפילן אין „אבסט־ראקט”, האט בראנשטיין זיין אייגנארטיקן סטיל פאר וועלכן עס איז דא א זער אריגינעלער נאמען: „אמת” . . . דער אמת וועלכער קומט פון דער טיפע־ניש פון זיין הארצן און האט א יידישן פולס וועלכער וויל נישט אויפהערן צו קלאפן . . .

און דער אמת האט טאקי געזיגט ! אזא דערפאלגרייכע אויסשטעלונג, סיי אין מאראלישן און סיי אין מאטעריעלן זין האב איך שוין לאנג נישט געזען. נאך דער אפיציעלע ערפנונג, וועלכע איז אדורכגעפירט געווארן פון דעם בילדונגס פארוואלטער פון „רעדברידזש” מיסטער מילס, האט דער עולם, וועלכער איז באשטאנען פון אנערך 150 קונסט מעצענאטן, קריטיקער, ליטע־ראטן, יידישע אקטיארן און יידן פון פארשיידענע געגנטן אין לאנדאן באוואונ־דערט און טאקי געקויפט די בילדער.

סטאניסלאוו בראנשטיינס ערשטע אויסשטעלונג האט אים געגעבן מוט פאר זיין ווייטערדיקע ארבעט און דעם כבוד וועלכן ער האט פארדינט.

---

אין בן־אורי 21 דין־סטר. וו.1. זונטיק, דעם 27׳סטן מערץ 8 א זייגער

די מאדערנע סאוויעטישע יידישע שרייבער און פאעטן

**א. זאנטאג וועט האלטן א פארטראג**

לייענען און דעקלאמיר: מנשה ווייסגראז, נעט רובין, אייזיק גאלדבערג און בעלא וויינער.

פארזיץ **א. נ. שטענצל**

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

שבת, דעם 5׳טן מערץ — פורים פראגראם. עס באטייליקן זיך יידל גאלדבערג, יעקב ריכטיגער, י. ח. בענקוויטש, נעט רובין און מאיר באגדאנסקי.

שבת, דעם 12׳טן — א שלום עליכם שבת צום שלום־עליכם־יאר.

שבת, דעם 19׳טן לייענען פון די ביכער פון יוסף הלל לעווי, ס. פאלמע און קעטי בראון צו זיינע יארצייטן.

שבת 26׳סטן — לכבוד 70סטער געבוירן יאר פון אונזער מיטארבעטער און רעציטאטאר אייזיק גאלדבערג.

262

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 412) זיבן און צוואנציקסטער יאר אפריל 1966 לאנדאן


א י נ ה א ל ט :


שרה בת־טובים בענטשט די קודשים־ליכט, א גאנצע נאצי־ע זיך פארמאסטן, דאס פארעלטערונג געזעץ, אויף דער עקידה, חי וקים (18׳טע יאר מדינת־ישראל), חג החירות־געזאנג 1941 ....... ** 1

יזכור (ליד) ....... ישעיה זאנדבערג 5

גארזש מיין שטעטעלע (ליד) ....... עלא זילבערג 5

ובמותם לא נפרדו (דערציילונג) ....... משא גרינבוים 6

תפלה פון א רעגן־טראפן, דאס ווייסע הויז (לידער) ....... מנחם שטערן 9

פאנטאזיע (ליד) ....... שמואל וההייט 10

מיין פארטרעט (ליד) ....... יוסף לעפטוויטש 11

„בראם” (פראזע) געווייין אין דער נאכט, איז עס דער פרילינג וואס שטייט פארן פענסטער, פרילינג א.א. (לידער) ....... א. נ. שטענצל 11

דער סקולפטאר מיכאל מילבערגער (עסיי) ....... יחזקאל קארנהענדלער 26

מיקל אנדזשעלא סיקסטינישע סופיט (פאעמע) ....... ש. באיארסקי 29

דער גאלדענער רינג (א מעשה) ....... ש. טענענבוים 30

דער גרונט־געדאנק פון א. גאלאמבעס בוך ....... י. ריכטיגער 31

לאנדאנער קולטור־ידיעות; יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס


---

## ווארשעווער געטא - הזכרה

פריינט פון יידיש לשון, דער בונד אין לאנדאן, די יידישע ביבלאטעק ביי דער יידישער קהילה ארדענען איין די ווארשעווער געטא הזכרה אין אדלער־הויז, אדלער סטר. זונטיק, דעם 24׳סטן אפריל 2.30. עס באטייליקן זיך: די הזכרה: לעאן בלומענזאן, רעדעס — י. ריכטיגער, ח. נ. בענקוויטש. רעציטירן נעט רובין. זינגען געטא לידער — מאיר באגדאנסקי. פארזיץ א. נ. שטענצל.


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*